בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קל"ו

**יו"ל: י"ט אדר ב' ה'תשפ"ד לפ"ק**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**געקומען לערנען פון יענער וועלט**

**אליהו הנביא טאנצט אים אנטקעגן**

**אליין אַן עדות פאר זיך...**

**אוועקגעווארפן דאס רבי'סטעווע**

**א פערטל שעה**

**אפשר שטאמט עס פון 'דארטן'...**

**שבת - אויפשטיין חצות?**

**אוועקלייגן א זוהר וועגן 'ברסלב'?!**

**יונגעלייט וואס רייסן זיך צו אידישקייט!**

**ווער איז דער אמת'ער לעבעדיגער?**

**נישט זיי פרעגן - זיי ענטפערן!**

**קוים דריי אידן געווען ביי דער לויה...**

**זיך געשושקעט שטילערהייט...**

**עס פארבלייבט א קליין שטעשקעלע**

**צוגענומען ביי אים דעם טלית**

**"אל תאמין בעצמך"**

**זיך נישט דערהאלטן**

**מיט איין שווייג - אלץ פארענטפערט**

**געשאסן דעם רבי'נס דיבורים!**

**ווארטן א גאנצן לעבן!**

**"אבער דו מעגסט דאך עס לערנען!"**


מכון טעם זקנים

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

**ארה"ק:** 02.560.7387

**ארה"ב:** 646.585.2985

**ענגלאנד:** 0330.390.0487

**בעלגיע:** 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #136**

# פרשת ויקרא (ה"ב)

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 152#)

### געקומען לערנען פון יענער וועלט

אידער רבי נתן איז געווארן מקורב צום רבי'ן איז ער געווען אזוי חשוב ביים שווער רבי דוד צבי. דער שווער איז געווען כמעט אזוי ווי א ל"ו, ער איז געווען רָב אין מאהלוב און שאריגראד און קרעמניץ און ארום און ארום, דאס איז אזעלכע גרויסע שטעט - און אויף נאך אסאך שטעט ארום איז ער געווען דער רב זייערער - עפעס אויף איבער אכציג שטעט, אויף מאהלוב וסביבותיה, אין קרעמניץ, אין שאריגראד וסביבותיה, אפילו אויף נעמיראוו איז ער אויך געווען - ער פלעגט אלעמאל קומען קיין נעמיראוו.

וואו ער איז געקומען האט ער אכטונג געגעבן אויף אלעס, ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש, מען האט אים גערופן אין אוקריינע: "דער גרויסער רבי דוד **צבי!**".

ער האט זוכה געווען צו לערנען תורה פון זיין טאטן[א] (במשך) אכט יאר נאך זיין פטירה.

---

[א] הגה"ק ר' ארי' לייבוש זצוק"ל אב"ד סטאניסלאב. זוגתו היתה לאה דרייזל בת נחמה נייטשי בתו של ר' ארי' לייב אב"ד אמשטרדם ז"ל חתן החכם צבי ז"ל ובן בנו של הרבי ר' העשיל מקראקא ז"ל [הצדקנית נחמה נייטשי הנ"ל היתה אשת הרה"צ ר' משה מזולקוב ז"ל אבי הגאון ר' מרדכי זאב מלבוב ז"ל אביו של הגאון הישועות יעקב ז"ל]. גם עיין בהקדמת ספר "אלפי ישראל" מש"ש: הבעש"ט הקדוש ז"ל בכל עת שהיה בעיר סטאניסלוב נתארח אצל הגאון ר' ארי' לייב והיה אומר עליו שיש לו ניצוץ מנשמת אביי ונשאר ממנו חיבור גדול על כל הש"ס ע"כ. גם עיין בשו"ת נודע ביהודה אבה"ע מהדו"ק סי' כ"ט שלא רצה לסמוך להתיר עגונה אלא בצירוף הסכמתו. לא האריך ימים ונפטר בשנת תק"י.

איך האב דא א ספר "נפלאות היהודי"[ב], ברענגט ער דארט אונטן אסאך מעשיות, ברענגט ער אויך דאס אייגענע: "רבי דוד צבי האט געלערנט תורה פון זיין טאטן נאך דער פטירה!".

ער איז געווען א קינד פון זעקס-זיבן יאר ווען זיין פאטער איז נפטר געווארן, און די רעביצין האט געוויינט: "ווער וועט מיט אים לערנען תורה?". נאך אין דער שבעה האט זי געזעהן דעם מאן אירע - "וויין נישט, **איך וועל מיט אים לערנען!**". איז ער געקומען אכט יאר - אלע נאכט האט ער געלערנט מיט רבי דוד צבי'ן תורה!

קען מען פארשטיין - אז מען לערנט תורה מיט א צדיק פון עלמא דאתי, וואספארא תורה דאס איז, און וואס עס קען ווערן פון דעם מענטשן!

(אחד הנוכחים: קומט אוים אז זיין טאטע איז געווען פון די גרויסע מענטשן!) יא, ער איז געווען עפעס גאר פון די גדולים.

בכלל, דער רבי דוד צבי ציילט זיך צו אסאך דורות פון גאר גדולים - גאר פון גדולים, אסאך דורות![ג]

איז איידער רבי נתן איז געווארן מקורב צום רבי'ן האט מען זיך געריסן איבער אים אזוי ווי מען רייסט זיך פאר א גוט פינגערל (- רינגל) - רבי דוד צבי האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים, און דער פאטער האט געוואלט ער זאל זיין ביי אים; אבער אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן האט מען זיך אויפגעהערט צו רייסן איבער אים, דער האט געזאגט - "גיי דא", דער האט געזאגט - "גיי דא", און שוין...

❖

---

[ב] [פשיסחא] עיין שם עמוד 100 מה שמעתיק שמה מהקדמת ספר "אלפי ישראל".

[ג] סדר היחוס הידוע לנו הוא: הגאון ר' דוד צבי בן הגאון ר' ארי' לייבוש אב"ד סטאניסלאב, בן הגאון ר' מרדכי מרדוש אב"ד באמבערג והמדינה [בתו שיינצי היתה אשת הגאון ר' צבי הירש מרגליות אב"ד אוסטרהא, ואמו של הגאון בעל מאיר נתיבים ז"ל], בן הגאון ר' דוד וואהל מראווא - בן אחות הגאון בעל הט"ז, בן הגאון ר' מרדכי, ולמעלה בקודש עד המהרש"א, רמ"א, מהרש"ל, מהרי"ל מהר"ם מרוטנבורג, רש"י, ר' שמעון הגדול בעל הפייטן זי"ע.

# אליהו הנביא טאנצט אים אנטקעגן

רבי נתן איז דאך געווען אזא מין איש אמת, ער האט דאך געקענט געפונען אזא מין כבוד; ביים שווער איז ער געשטאנען ער זאל אים מאכן א רב אין א גרויסע שטאט[ד], און דא האט ער א שווער א צדיק אויף וואס ער האט געזאגט - 'איך האב מיר נישט געקענט אויסמאלן וואס האט געקענט זיין משה רבינו גרעסער פון מיין שווער!' - אזוי גרויס איז געווען רבי דוד צבי! דער מענטש האט זיך פערציג יאר נישט אויסגעטוהן - זיין קדושה וטהרה איז געוואלדיג גרויס געווען!

עס איז געווען אמאל וואס רבי ברוכ'ל איז געווען אין מאהלוב. מאהלוב איז לעבן מעזיבוזש. איז געווען א ברית אין שטאט, און רבי דוד צבי איז נישט געווען אין שטאט, האט דער בעל ברית מכבד געווען דעם רבי ברוכ'לען מיט סנדקאות. דערווייל, ביזן ברית איז אנגעקומען רבי דוד צבי - ער איז דאך געווען דער רב אין שטאט, איז אין מאהלוב ביי א ברית האט רבי דוד צבי געמוזט זיין דער סנדק.

איז געווען דארט א בית דין, קומט דער פאטער צו גיין צום בית דין - "וואס זאל איך טוהן? איך האב מכבד געווען רבי ברוכ'ל מיט סנדקאות - און ער איז אביסל א קפדן - און דערווייל איז רבי דוד צבי אנגעקומען?!". (ענו לו:) "דו דארפסט אים נישט הערן, ער איז דער 'מרא דאתרא' - אים דארפסטו געבן סנדקאות!".

איז ער גלייך געגאנגען צו רבי ברוכ'לען - 'אזוי ווי דער רב איז אנגעקומען מוז מען אים געבן סנדק!' שוין.

בשעת רבי דוד צבי איז דורך געגאנגען אויפן ברית [- די מעשה האט מיר דערציילט ר' שלום - דער אומאנער רב], האט רבי ברוכ'ל געקוקט דורכן פענסטער. זאגט ער: "וואס קען איך אים טוהן אז אליהו הנביא טאנצט אים אנטקעגן די פּאַנטאָפל?!" אז ער גייט אויפן ברית - טאנצט אים אנטקעגן אליהו הנביא!

"וואס קען איך אים טוהן?!" (כאומר,) ער האט געוואלט עפעס טוהן - 'אבער איך קען אים גארנישט טוהן!'.

---

[ד] עיין ימי מוהרנ"ת אות ח'. שיש"ק (חדש) ח"ב, ק"מ.

ער איז געווען געוואלדיג גרויס - דער רבי דוד צבי, עס פלעגן תמיד זיין ביי אים רבנים - גדולים זענען געקומען צו אים.

נו, אז רבי נתן האט אזא מין שווער - רבי דוד צבי - אזא מין צדיק, אזא מין קדוש, איז וואס ווילסטו - האלט זיך ביים שווער! נאר רבי נתן האט דערפילט עפעס אַן אמת וואס אט דער אמת האט ער נישט געזעהן פריער. ער האט געוואוסט ביי זיך דארטן זיין ערך; אט דער אמת וואס ער האט געפילט דא, האט ער געזעהן אז ער האט עס נישט פריער, וואס צוליב דעם איז כדאי אלע מיני בזיונות און אלע מיני זאכן.

❖

## אליין אַן עדות פאר זיך...

רבי נתן זאגט[ה]: "איך ווייס נישט פון וואנעט איך האב גענומען כח אויסצוהאלטן **אזעלכע מיני** (מניעות)**!**" - וואס אויף אים איז אלץ איבערגעגאנגען...

נאר וואס דען, מען האט שוין כמה גערעדט, דער אמת איז אַן 'עֵד לעצמו'. וואס הייסט 'האמת עד לעצמו'? דער אמת איז אליין אַן עדות, דער אמת דארף נישט האבן קיין עדות וואס זאל עדות זאגן אויף אים. אפילו טויזנטער מענטשן ווען זאגן אזוי - און דער אמת איז איינער און קיינער האלט נישט מיט אים, איז ער אליין אַן עדות פאר זיך; דער אמת זאגט מיר וואס דער אמת איז; איי די גאנצע (וועלט שרייט אנדערש?) איז ער אַן 'עד לעצמו'!

עס איז דא א מציאות אז דער אמת זאל זיין פאר זיך איינער אליין; די גאנצע וועלט זאגט אז 'ניין' - און ער איז אַן 'עד לעצמו' - ער איז דער עדות אויף זיך אליין!

---

[ה] עיין ימי מוהרנ"ת אות ב': וְעֹצֶם רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת וְהַיִּסּוּרִים שֶׁהָיָה לִי בְּאוֹתָהּ הַשָּׁנָה שֶׁהִיא שְׁנַת תקס"ג אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר כִּי כֻּלָּם הָיוּ מִתְנַגְּדִים עָלַי הֵן אִשְׁתִּי וְהֵן אָבִי נֵרוֹ יָאִיר וְכָל בְּנֵי בֵּיתוֹ וְכָל בֵּית אָבִי זְקֵנִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְיֵשׁ בָּזֶה הַרְבֵּה לְסַפֵּר מֵעֹצֶם רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת שֶׁהָיָה לִי בְּלִי שִׁעוּר בְּכָל נְסִיעָה וּנְסִיעָה וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה וּבְכָל עֻבְדָּא וְעֻבְדָּא שֶׁל הַהַנְהָגוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁצִּוָּה עָלַי, **וַעֲדַיִן אֵינִי יוֹדֵעַ מֵהֵיכָן קִבַּלְתִּי כֹּחַ לַעֲמֹד נֶגֶד מְנִיעוֹת כָּאֵלּוּ אֲשֶׁר קָשֶׁה לְסָבְלָם.**

רבי נתן האט גוט געזעהן אז דעם רבי'נס זאך איז 'אמת ויציב ונכון וקיים'; איי די גאנצע וועלט זאגט נישט אזוי? איז דער אמת אליין אַן עדות אויף זיך! דער אמת איז 'עד לעצמו' - דאס איז דאך א געוואלדיגער לשון; אז איך גיי מיט א נקודה פון אמת, וועמען דארף איך האבן אלס עדות? ער איז אליין אַן עדות!

דער רבי האט געזאגט[ו]: "איך האב אסאך אמת אין אייך אריינגעבראכט!". דעם רבי'נס זאך איז אַן אמת'ע זאך; דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל גיין מיט דער זאך, מען זאל זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, גיין מיט די ספרים, אט דאס איז דאך דער אמת'ער אמת; איי אינדערויסן זאגט מען נישט אזוי? האב איך נישט קיין עדות פון אינדרויסן, אבער דער אמת אליין איז דאך אַן עדות!

"דער חותם פון דעם אויבערשטן איז אמת"[ז]. וואס הייסט אז דער חותם פון דעם אויבערשטן איז אמת? צו וואס דארף מען האבן דעם אויבערשטנ'ס חתימה? איך וועל געבן א דוגמא, איך קען אנשרייבן א שטר אז דער איז מיר שולדיג מיליאן דאלארן, האט עס עפעס א ווערד?! אבער אז אונטן וועט זיין גע'חתמ'עט עמיצער אלס עדות - אדער דער לוה אליין, דעמאלט האט דער שטר א ממשות; אבער אז קיינער חתמ'ט נישט אונטער וועט מען דיר אויסלאכן...

אויב איך טוה עפעס אַן עבודה, אז אונטן איז גע'חתמ'ט 'אמת' - דאס איז עס!

ביי יעדע עבודה וואס א מענטש טוהט דארף דארט זיין דער חותם פון דעם אויבערשטן; דער חותם איז אמת. אז די עבודה איז מיט אַן אמת, איז דארטן דא דער חותם פון דעם אויבערשטן, דער "חותמו של הקדוש ברוך הוא איז אמת"; אז ער דאוונט אפ א דאווענען און דארטן איז דא די חתימה 'אמת', האט עס א ווערד, עס איז א גוטער שטר, קען מען מאנען דערפאר.

דער רבי האט געזאגט: "איך האב אין אייך אריינגעבראכט אסאך אמת!". יעדעס דיבור פון דעם רבי'ן איז דאך אוודאי געוואלדיג; מיט וואס האט ער אריינגעבראכט

[ו] עיין חיי מוהר"ן אות תקל"ח.

[ז] שבת נה.

דעם אמת? מיט די ספרים, מיט מקיים זיין די עצות, דעמאלט ווערט אין דעם מענטש נשרש אמת!

קיין גרעסערער פארמעגן איז דאך נישטא ווי דאס אז דער אויבערשטער העלפט א מענטש אז ער גייט מיטן אמת - ער האט נישט קיין גרעסערן פארמעגן ווי דאס אז ער גייט מיטן אמת! וואס זאל איך טוהן אז אינדרויסן שרייט מען (אנדערש)? איך ווייס דאך אבער פארט אז דאס איז דער אמת!

❖

## אוועקגעווארפן דאס רבי'סטעווע

רבי יודל איז געווען אזוי גרויס, ער איז דאך געווען א תלמיד ביי רבי פנחס'ל קאריצער. ווען רבי פנחס'ל קאריצער איז נפטר געווארן האט רבי יודל געהאט תלמידים ביי זיך - ר' שמואל אייזיק און ר' בער זענען געווען זיינע תלמידים[ח].

אמאל האט דער ר' בער געדארפט זיין דארטן (בסביבות מעדוועדיווקע), האט רבי יודל אנגעזאגט ר' בער'ן: "דו זאלסט נישט אריינגיין דארטן צום רבי'ן!".

אז ר' בער איז צוריק געקומען, האט ער געזעהן אויף ר' בער עפעס א שינוי אין יראת השם. האט ר' בער געזאגט: "איך בין אריינגעגאנגען צום רבי'ן פון מעדוועדיווקע, איז דא אין מיר עפעס א שינוי אין יראת השם!". האט ר' יודל אוועקגעווארפן דאס רבי'סטעווע פון דאשיב - און ער איז געפארן צום רבי'ן[ט].

דאס איז נישט אזוי ווי היינט - מען פארט מיט א טעקסי... מען האט געקענט פארן עטליכע טעג פון דאשיב ביז מעדוועדיווקע, און ער האט מיטגענומען מיט זיך ר' שמואל אייזיק'ן, ער האט מיטגענומען מיט זיך נאך מענטשן וואס זענען געווען זיינע מענטשן - ער איז געקומען צום רבי'ן מיט א גאנצע (חבריא)!

---

[ח] מתלמידי רבינו לאחר מכן, עיין גם להלן.

[ט] עיין כל זה בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אותיות י"ט - כ"ג.

וואס איז? ער האט געזעהן אין אים א שינוי פון יראת השם וואס ער האט פריער נישט געזעהן אין אים!

דאס איז דאך א מין אמת - א מענטש איז אליין א רבי מיט חסידים, אליין א תלמיד ביים רבי פנחס'ל קאריצער - דאס איז עפעס א קלייניקייט - רבי פנחס'ל קאריצער?! א געוואלד! דער רבי האט געזאגט[י]: "ער איז געווען א שטיק צייט א 'חד בדרא'!". רבי פנחס'ל קאריצער האט דאך גע'שמ'ט אין דער וועלט מיט זיין צדקות - א געוואלד! - און רבי יודל איז זיינער א תלמיד; ווייל ער האט געזעהן אויף ר' בער'ן א שינוי אין יראת ה' האט ער אלץ אוועקגעווארפן.

אז ער איז געקומען קיין מעדוועדיווקע איז ער אפגעוועזן ביים רבי'ן זעקס וואכן ביים אנהויב התקרבות. נאכדעם האט ער געזאגט: "ווי אזוי קען מען זיין אזוי ווייט פון א רבי'ן?!" - איז ער ארויס קיין מעדוועדיווקע וואוינען מיטן רבי'ן אינאיינעם אין איין שטאט![יא]

וואס איז? ער האט דערפילט עפעס א נקודה פון אמת!

נו, דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אויבערשטן: "רבונו של עולם, 'אהלך באמיתך' - פיר מיך מיט דיין אמת!". אז איך האב אין זיך א נקודה פון אמת - אט דאס איז אינגאנצן דער מענטש - אינגאנצן דאס חשיבות מיינער איז נאר אמת.

עס איז דא שווינדלערס, נעמט ער דארטן א מטבע און ער גילדט עס אפ, איז עס אפגעגילדט - עס איז שיין, אבער אינעווייניג איז דאך עס - - עס איז נישט קיין אמת, עס איז פאלש. אז ער קומט ארויף למעלה ברענגט ער דעם גאנצן זאק מיט פינגערלעך, (זאגט מען אים:) 'וואס האסטו געבראכט אהערצו? דאס איז דאך א שווינדלעריי, דאס איז נישט קיין סחורה דא, דא וויל מען דאך נאר 'אמת'!'.

---

[י] חיי מוהר"ן תקנ"ג.

[יא] עיין חיי מוהר"ן רצ"א.

דער רבי זאגט אין תורה קי"ב[יב]: "באיזה מדריגה נמוכה שהיא". אפילו ווי אזוי ער רעדט דארטן, אבער אז עס איז מיט אַן אמת - אט דאס וויל דער אויבערשטער, דער אויבערשטער וויל נאר אמת, כאטש ער איז טאקע ווייט - אבער 'אמת'. אז ער האט אין זיך א נקודה, ער בענקט צום אויבערשטן, ער שרייט - 'געוואלד, געוואלד!' - אט דאס וויל דער אויבערשטער, אט די געשריי וויל דער אויבערשטער! דאס חשיבות פון א מענטשן איז אינגאנצן נאר וואס ער האט אין זיך אמת.

דער אמת דאס איז דער 'פלטין של אמת'. עס איז דא דארטן אין א מכתב[יג]: "דו זאלסט זיך דרייען ביים **פלטין של אמת!**". אזוי ווערט אין דעם מענטשן איינגעווארצלט נקודות פון אמת, וואס צוליב דעם איז כדאי צו ליידן אלע מיני בזיונות! וואס איז שוין די וועלט? די וועלט איז דאך נאר א 'צל עובר'!

❖

## א פערטל שעה

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה "אני היום ילדתיך"[יד], וואס דער מענטש האט מער דעת, איז דער זמן ביי אים קלענער; עס קען זיין אז די גאנצע זיבעציג יאר איז א פערטל שעה, און ביי נאך א העכערער בר-דעת איז עס קיין 'רבע שעה' אויך נישט.

פארוואס גיט זיך א מענטש אוועק פאר די תאוות? ווייל ער האט דאך עפעס אַן הנאה פון די תאוות; (ער טראכט:) 'אז ער וועט אלט זיין הונדערט יאר - וועט ער האבן

---

[יב] וזל"ש: וְהָעִקָּר, שֶׁבִּתְפִלָּתוֹ וּתְחִנָּתוֹ וּבַקָּשָׁתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים, מִגֹּדֶל הַחשֶׁךְ וְהַבִּלְבּוּל הַמְסַבֵּב אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אַף עַל פִּי כֵן, עַל כָּל פָּנִים יִרְאֶה לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, **בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה נְמוּכָה שֶׁהוּא.**

[יג] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ו' ויגש תקפ"ו: "מַה אֹמַר לְךָ אָחִי, מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי, יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב. אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַּכֶּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תְּחַפְּשֶׂנָּה, **תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת**, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ כִּי עִנְיַן הַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַךְ בֶּאֱמֶת אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ כְּלוּם" וכו', עיי"ש.

[יד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"א עיין שם.

**הונדערט יאר תאוות' - איז עס אים כדאי; אבער אז עס איז גאר קיין זמן נישטא, אז די גאנצע וועלט איז א פערטל שעה, און ביים העכערן בר-דעת איז עס קיין פערטל שעה אויך נישט, פארוואס זאל איך עס אוועקגעבן?! פארוואס זאל איך עס אוועקגעבן?!**

**דער רבי זאגט טאקע אין דעם א"ב[טו]: "יוֹם שֶׁהָאָדָם עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה" - דער טאג וואס מען טוהט תשובה, "הוּא לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן; און אויך יום הכיפורים איז למעלה מהזמן!". א מענטש אז ער טוהט תשובה איז גארנישט שייך קיין זמן.**

**ווייל פארוואס וויל איך? ווייל איך האב א זמן; אבער אז עס איז גאר קיין זמן נישטא, אז דער מענטש איז א העכערער בר-דעת, איז דאך דער זמן ביי אים גארנישט; אוודאי איז דער זמן יא ביי אים א חשיבות** (- פארן תכלית)**, אבער דאס אז ער זאל אוועקגעבן דער וועלט פאר א הנאה, פאר א תענוג, דאס איז ביי אים א געלעכטער.**

**דער רבי האט געזאגט[טז]: "איבער איין תענוג'ל פון א פערטל שעה קענסטו אנווערן דער וועלט און יענער וועלט!". מיר האבן געלערנט דעמאלט, קען זיין די כוונה איז, זיבעציג יאר איז א פערטל שעה! "איין תענוגל פון א פערטל שעה", דאס הייסט - די וועלט, די וועלט איז א פערטל שעה.**

(ר' נחמן בורשטיין: "איבער אביסעלע בלוט זאלסטו אנווערן" - דאס האט דער רבי געזאגט ר' שמואל אייזיק'ן) **יא יא[יז], "איבער דאס ביסעלע בלוט זאלסטו אנווערן דער וועלט און יענער וועלט? קרעכץ עס אוים!" - קרעכץ עס אוים.**

---

[טו] ספר המידות ערך תשובה חלק שני, אות א': **יוֹם שֶׁהָאָדָם עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה הוּא לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן וּמַעֲלֶה כָּל הַיָּמִים לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן, וְכֵן יוֹם-הַכִּפּוּרִים הוּא לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן.**

[טז] עיין ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' ק"ח: פַּעַם אֶחָד סִפֵּר מֵעִנְיַן מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם. עָנָה וְאָמַר: הֲלֹא הָאָדָם, בִּשְׁבִיל תַּעֲנוּג קָטָן אֶחָד שֶׁל רֶבַע שָׁעָה הוּא יָכוֹל לְאַבֵּד וּלְהַפְסִיד כָּל הָעוֹלָם הַזֶּה עִם הָעוֹלָם הַבָּא. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָּאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא.**

[יז] עיין חיי מוהר"ן, אות תמ"א: פַּעַם אַחַת אָחַז רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת הָרַב רַבִּי שְׁמוּאֵל אַיְזִיק כְּנֶגֶד לִבּוֹ וְאָמַר לוֹ, בִּשְׁבִיל מְעַט דָּם כָּזֶה, הַיְנוּ שֶׁבַּחֲלַל הַלֵּב תְּאַבֵּד אֶת הָעוֹלָם הַזֶּה וְהָעוֹלָם הַבָּא (וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז אִיבֶּער אַבִּיסֶעלִי בְּלִיט זָאלְסְטוּ אָן וֶוערִין דִיא וֶועלְט אִין יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְטְץ זִי אוֹס!) וְתִהְיֶה רָגִיל לְהִתְאַנֵּחַ הַרְבֵּה עַד שֶׁתִּפְטֹר אוֹתוֹ וְתַכְנִיעַ הָרַע שֶׁבּוֹ, וְתִזְכֶּה לִבְחִינַת וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי.

מען דארף נאר בעטן דעם אויבערשטן; א מענטש זאל זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן - 'רבונו של עולם, פיר מיך מיט דיין אמת, פיר מיך מיט דיין אמת; מיין אמת קען מיך פארפירן - פיר מיך מיט 'דיין' אמת! "אהלך באמיתך"!'.

תפילה האט א כח! כאטש דער מענטש איז נאכנישט זוכה דערצו, אבער אז ער האט א התחברות צום אויבערשטן מיט דיבורים, דאס אליין איז דאך שוין אַן אמת - ווייל דער אויבערשטער איז דאך דער 'מקור האמת' - האב איך דאך א התחברות צום אויבערשטן מיט דיבורים! איך רעד צום אויבערשטן דיבורים!

❖

## אפשר שטאמט עס פון 'דארטן'...

אויף יעדער זאך וואס דער רבי האט געזאגט וואס דאס איז דאך ממש דער שורש התיקון פון א מענטשן, איז שוין דא א התנגדות אנטקעגן אין דער וועלט![יח]

אינ'אמת'ן אז מען וועט ארײנקוקן - אסאך ספרים רעדן פון התבודדות, די ספרי בעל שם טוב רעדן אסאך פון התבודדות, אסאך צדיקים רעדן פון התבודדות; נאר וואס דען, אז זיי רעדן - איז גארנישט, עס איז גוט; אבער אז דער רבי זאגט "התבודדות" - דאס טויג נישט - דער רבי זאל אויך זאגן התבודדות?!

יא, ער זאל האבן התבודדות - אבער נישט דערפאר ווייל ער איז א ברסלב'ער חסיד...

דער רבי האט געהאלטן פון דעם שולחן ערוך. בשעת עס איז געווען דאס התנגדות פון דעם חולק דער גרויסער, וואס ער האט מתיר געמאכט ממש - - האבן זיי געפרעגט דעם רב, פון וואנעט ווייסט מען צו יענער איז א ברסלב'ער חסיד? האט ער געזאגט:

---

[יח] עיין מזה בשיחות הר"ן אות קפ"ה, וזל"ש בא"ד: **וְאִלּוּ לֹא הָיָה מְצַוֶּה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ הַדָּבָר, רַק הָאָדָם הָיָה רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת זֹאת מֵעַצְמוֹ הָיָה קַל עָלָיו מְאֹד לַעֲשׂוֹת, אֲבָל כְּשֶׁצִּוָּה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ** לִבְרָכָה, לַעֲשׂוֹתוֹ הָיָה כָּבֵד מְאֹד ... **וְשָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ שֶׁאָמַר: כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת הוּא כָּבֵד מְאֹד לַעֲשׂוֹת** וְכוּ'.

**"אז עס וועט ליגן אין טלית און תפילין א 'שערי ציון' מיט א 'שולחן ערוך', זאל מען וויסן - דער איז א ברסלב'ער חסיד!" - אט דאס איז געווען דער סימן אז ער איז א ברסלב'ער חסיד...**

(אחד הנוכחים: רבי נתן ברענגט אין די בריוו: דער וואס לערנט מער ווי א בלאט גמרא איז א ברסלב'ער חסיד - "מי שלומד כל היום איז א ברסלב'ער חסיד!") **יא**[יט].

(ר' אברהם יצחק מערמלשטיין: רבי נתן ברענגט אין די בריוו: "זיי ווילן נישט נאר עוקר זיין דעם רבי'נס אור - נאר כל התורה כולה!". מען זעהט דאס אין מציאות, אז זיי הויבן נאר אָן צו קריגן אויפן רבי'ן, טוהען זיי רודף'ן אין אלע ענינים - וואס מען זאל נאר טוהן, זיי האבן מורא - אפשר קומט עס פון ברסלב... אפשר האט עס א שייכות...) **אפשר האט עס א שייכות - טאמער וועט ער דאווענען אביסל לענגער...**

**אז ער מאכט אמאל א תנועהביים דאווענען - - דער רבי זאגט דארטן אין דער תורה "ואת הערבים" אין תורה ד'[כ]: "תנועות משונות שעושין יראי ה' בעבודתם" - די תנועות משונות וואס די יראי ה' מאכן בעבודתם. איז טאמער זעהט ער עפעס א תנועה - האט ער שוין מורא, ער ציטערט טאמער שטאמט עס פון דארטן...**

**אוודאי שטאמט עס פון 'דארטן'; ווער דען מאכט א תנועה פארן אויבערשטן?!...**

**אונזערע לייט פלעגן תמיד זאגן, מיר האבן אזעלכע מתנות פון דעם רבי'ן, אז מען קען זאגן אויף יעדער מתנה: "אילו לא באנו לעלמא אלא למשמע דא דיי!". עס**

---

[יט] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' תצוה תקצ"ה: גַּם פֹּה נִמְצָא מִתְנַגֵּד אֶחָד שֶׁבְּנוֹ הִתְחִיל קְצָת לְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וְלָמַד הַרְבֵּה גְּמָרָא וּפוֹסְקִים, וְעַתָּה מַכְרִיחִים אוֹתוֹ אַנְשֵׁי בְּלִיַּעַל הַמְכַנִּים עַצְמָם בְּשֵׁם חֲסִידִים וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ מִלִּלְמֹד גְּמָרָא וּפוֹסְקִים וְאוֹמְרִים שֶׁטּוֹב יוֹתֵר לְדַבֵּר עִמָּהֶם, וְאָבִיו צָעַק עַל בְּנוֹ הַנַּ"ל, אֲנִי נוֹתֵן לְךָ לֶאֱכֹל עַל מְנָת שֶׁלֹּא תִּלְמַד רַק דַּף גְּמָרָא אֶחָד בְּכָל יוֹם לֹא יוֹתֵר כִּי **מִי שֶׁלּוֹמֵד כָּל הַיּוֹם הוּא בְּרֶסְלֶבֶר** וְכוּ'. **הַכְּלָל שֶׁאֵין הַמִּתְנַגְּדִים עוֹמְדִים לִמְנֹעַ מִלִּלְמֹד סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה רַק פְּנִימִיּוּת כַּוָּנַת הָרַע שֶׁבְּלִבָּם הוּא לְבַטֵּל מִיִּשְׂרָאֵל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ**, כִּי יָדוּעַ לָכֶם מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרָט בַּדּוֹר הַזֶּה, וְאֵין שׁוּם הַצָּלָה כִּי אִם עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, וְאֵין מִי שֶׁיַּכְנִיס לִמּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם כְּמוֹ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עַל יְדֵי אֲמִתַּת דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלָּה עַל יָדֵינוּ וּבִסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, וְעַל זֶה הִתְגָּרוּ בָּנוּ כָּל כָּךְ, אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם חַס וְשָׁלוֹם.

[כ] ליקוטי מוהר"ן תניינא, וזל"ש אות ב': כִּי כָל הָעֲבוֹדוֹת וְכָל הַתְּשׁוּבוֹת, כָּל מַה שֶּׁרוֹצִין לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה עֲבֹדָא בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כַּמָּה קָלִין שֶׁל אוֹי וַאֲבוֹי וְכַמָּה גְּנִיחוֹת וְכַמָּה כְּפִילוּת וְכַמָּה הַטָּיוֹת (**הַיְנוּ תְּנוּעוֹת מְשֻׁנּוֹת שֶׁעוֹשִׂין יִרְאֵי ה' בַּעֲבוֹדָתָם**) צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת קֹדֶם שֶׁעוֹשִׂין אֵיזֶה עֲבֹדָא.

שטייט כמה מאל דאס לשון אין זוהר הקדוש אז די חברייא פון רבי שמעון'ען (האבן געזאגט:) איי - "אילו לא באנו לעלמא אלא למשמע דא דיו!".

## שבת - אויפשטיין חצות?

טאקע די זאך אליין וואס דער רבי האט אונז מודיע געווען אז אין יעדן טאג איז דא א צוויי שעה וואס דאס איז אַן עת רצון[כא]; מיר דארפן דאך האבן אַן עת רצון, מיר דארפן דאך געהאלפן ווערן; האט אונז דער רבי מודיע געווען, עס איז דא פיר און צוואנציג שעה א טאג, און עס איז דא די צוויי שעה וואס דעמאלט איז אַן עת רצון - איז דאך געוואלדיג, מען איז מיר מודיע א סוד.

דאס ענין פון חצות איז דאך נישט נאר ווי עס קוקט אזוי אויס - 'קלאגן אויפן בית המקדש' - (אשר לכאורה יש לשאול:) פארוואס שטייסטו אויף חצות פרייטאג צונאכט? פרייטאג צונאכט טאר מען דאך נישט קלאגן - עס איז דאך שבת!? פארוואס שטייסטו אויף חצות אום יום טוב פסח, סוכות, דעמאלט ווען מען זאגט נישט קיין תחנון, פארוואס שטייסטו אויף דעמאלט חצות?

דאס ענין פון חצות זעהט מען דאך ארויס ביי דעם (פיוט) פון "ויהי בחצי הלילה" - דארטן ביי דער הגדה, מען רעכנט דארט אויס וואס עס איז אלץ געטוהן געווארן אום האלבער נאכט, ביי אבימלך'ן - "דנתָּ מלך גרר בחלום הלילה", ביי לבן הארמי'ן - "הפחדתָּ ארמי באמש לילה", פרעה האט געהאט א מפלה "בחצי הלילה" (וכדו').

קומט אויס, דאס איז אלץ וויבאלד פון דער אנהויב בריאה איז דא עפעס אזא מין זמן וואס דער זמן איז מסוגל פאר אסאך גוטע זאכן, ממילא אז דער בית המקדש איז חרוב - איז דער זמן מסוגל אז מען זאל בעטן דעם אויבערשטן אויפן בנין בית המקדש, אבער דער זמן איז נישט נאר מחמת דער בית המקדש איז חרוב, נאר דאס איז א זמן וואס מתחילת הבריאה איז דער זמן א הייליגער זמן.

(אחד מהנוכחים: פארן חורבן אויך?) יא, פריער; אבימלך מלך גרר, לבן ארמי, סנחריב, האבן געהאט א מפלה ביינאכט אלץ אין דער צייט פון חצות. ביי "ויהי בחצי הלילה"

---

[כא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"ט.

רעכנט מען אויס די אלע נסים וואס עס איז געטוהן געווארן אום האלבער נאכט. איז דאך עס א הייליגער זמן, ממילא ניצט מען אויס דעם זמן אויפן חורבן - זאגן קינות אויפן חורבן בית המקדש.

אז פרייטאג צונאכט זאג איך נישט די קינות פון חצות - בעט איך דעם אויבערשטן אזוי, אבער א הייליגער זמן איז דאך עס - פרייטאג צונאכט דארף מען אויך האבן דעם הייליגן זמן, נישט קיין נפקא מינה ווען דאס איז.

איז ווער האט אונז געגעבן די מתנה? אלץ פון דעם רבי'ן האבן מיר די מתנה!

ווער האט אונז געגעבן א מתנה אז מיר זאגן צום אויבערשטן: "רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות, ראטעווע מיך ארויס, ראטעווע מיך, ראטעווע מיך!" - ווער רעדט דאס אזעלכע דיבורים? דאס איז דאך נאר א ברסלב'ער חסיד זאגט אזעלכע דיבורים! אז מען וויל - שטייען טאקע די דיבורים אומעטום; אבער ווער הערט זיי? מיר בכח פון דעם רבי'ן קען מען דאס דערהערן!

דער רבי ברענגט טאקע אין תורה ג' - "אקרוקתא", דעם זוהר[כב]: "כד אתפליג ליליא, כדין כרוזא כריז[כג]: 'וְכַצִּפֳּרִים הָאֲחֻזוֹת בַּפָּח כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי הָאָדָם'!" - "ווען עס ווערט האלבער נאכט, גייט ארויס אזא מין כרוז וואס שרייט אויס: 'אזוי ווי פייגעלעך וואס כאפן זיך אריין אין נעץ - אזוי ווערן מענטשן געשטרויכלט'!".

קומט אויס פון דעם זוהר הקדוש, חצות איז א סגולה אז מען זאל דאס דערהערן; מיר האבן טאקע נישט די זכיה צו הערן ממש דעם כרוז, אבער א 'מעין' איז עס.

אז דער אויבערשטער העלפט א מענטש אז ער שטייט אויף ביינאכט, קומט אריין אזא (התעוררות) אז ער דערהערט עפעס א קול: "אוי, אזוי ווי דאס פייגעלע כאפט זיך אריין אין נעץ, וויל מען מיר ארייכאפן - מען וויל מיר ארייכאפן אין נעץ אריין!".

---

[כב] ויחי דף ריז:

[כג] קהלת ט, יב.

ביי א פייגעלע לייגט מען אוועק דארטן עפעס א שטיקל ברויט, און ווען זי וויל דאס כאפן, גיט א פאל צו דארטן (דער נעץ) צו די פיסלעך - און דאס פייגעלע ווערט אזוי אריינגעכאפט. גייט ארויס א קול למעלה - "אזוי ווערן מענטשן אריינגעכאפט!".

ווען הערט מען דאס? ווען קומט א התעוררות לתשובה אין דעם מענטש צו הערן דעם קול? ווען קומט אריין די התעוררות תשובה אז מען זאל הערן דעם מין כרוז - 'היט זיך דו זאלסט נישט ווערן אריינגעכאפט אזוי ווי א פייגעלע כאפט זיך אריין'? - "כד אתפליג ליליא"! דעמאלט איז דער זמן וואס עס גייט ארויס אזא מין כרוז וואס עס קען שוין אנקומען צו מענטשן אויך - אויב זיי זאלן זיך צוהערן.

איז דאך עס א געוואלדיגע מתנה! מיר האבן דאך א מתנה! אויף דער מתנה וויל מען קריגן?! דער זוהר הקדוש איז פול מיט די מתנה; אויף די מתנה וויל מען קריגן?!

❖

## אוועקלייגן א זוהר וועגן 'ברסלב'?!

עס שטייט אין זוהר הקדוש אין לך לך - ביים סוף[כד]: רבי אבא האט געהאט א זון, האט ער געהייסן ר' יעקב. [מען זאגט עס אין דער נאכט פון א ברית]. איז ר' אבא אנגעקומען אין אַן ארט, אין א שטוב, האט ר' אבא געפרעגט דעם בעל הבית צו עס איז דא א תרנגול. "פארוואס דארפסטו א תרנגול?", זאגט ער, ער וויל עס זאל אים אויפוועקן חצות. זאגט ער, "איר דארפט נישט - דא איז דא אזא מין כלי וואס איז פול מיט וואסער - און זי קלאפט קלאפט - 'טיף טיף'; אז עס קומט חצות ווערט די כלי ליידיג, הויבט זי אָן קלאפן קלאפן!". דאס איז פונקט ביי חצות, עס איז אזוי

[כד] דף צ"ב ע"ב וזל"ש: "רַבִּי אַבָּא הֲוָה אָתֵי מִטְּבֶרְיָה לְבֵי טְרוֹנְיָא דְּחָמוֹי, וְרַבִּי יַעֲקֹב בְּרֵיהּ הֲוָה עִמֵּיהּ, אִעָרְעוּ בִּכְפַר טַרְשָׁא. כַּד בָּעוּ לְמִשְׁכַּב, אָמַר רַבִּי אַבָּא לְמָרֵיהּ דְּבֵיתָא אִית הָכָא תַּרְנְגוֹלָא? אָמַר לֵיהּ, מָארָא דְבֵיתָא, אַמַּאי? אָמַר לֵיהּ, בְּגִין דְּקָאִימְנָא בְּפַלְגוּת לֵילְיָא מַמָּשׁ. אָמַר לֵיהּ, לָא אִצְטְרִיךְ, דְּהָא סִימָנָא לִי בְּבֵיתָא דְּהָדֵין טִקְלָא דְּקַמֵּי עַרְסָאי מָלִינָא לֵיהּ מַיָּא וְנָטִיף טִיף טִיף, בְּפַלְגוּת לֵילְיָא מַמָּשׁ אִתְרָקוּ כֻּלְּהוּ מַיָּא, וְאִתְגַּלְגָּל הָאי קִיטְפָּא וְנָהִים, וְאִשְׁתְּמַע קָלֵיהּ בְּכָל בֵּיתָא, וּכְדֵין הוּא פַּלְגוּת לֵילְיָא מַמָּשׁ, וְחָד סָבָא הֲוָה לִי דַּהֲוָה קָם בְּכָל פַּלְגוּת לֵילְיָא וְאִשְׁתַּדַּל בְּאוֹרַיְיתָא, וּבְגִינֵי כָּךְ עֲבַד הָאי, אָמַר רַבִּי אַבָּא בְּרִיךְ רַחֲמָנָא דְּשַׁדְּרַנִי הָכָא, בְּפַלְגוּת לֵילְיָא נָהִים הַהוּא גַּלְגָּלָא דְּקִיטְפָּא, קָמוּ רַבִּי אַבָּא וְרַבִּי יַעֲקֹב" וכו' עיי"ש.

אויסגעמאסטן - ווען די וואסער גייט ארויס און די כלי ווערט ליידיג, קלאפט עס זייער שטארק.

אָה - איז ר' אבא געווען פרייליך - אזא שטוב וואס מען האט א כלי אויף אויפצושטיין חצות - 'דאס איז א שטוב'! איז טאקע געווען אזוי, עס איז געקומען ביינאכט - אום האלבער נאכט האט אנגעהויבן קלאפן.

הכלל, אז ר' אבא האט זיך אויפגעהויבן, איז שוין געזעצן דארטן דער בעל בית מיט זיינס א קינד, זיי האבן שוין גערעדט דארטן חידושי תורה. האט ער געזען - 'אָה! דאס איז א שטוב!' דער זוהר הקדוש איז פול דערפון - א טאטע האט געלערנט מיט א קינד חצות!

זעהט מען דאך, דאס איז נישט אזוי ווי זיי זאגן אז חצות איז נאר שייך פאר אלטע אידן - געוואלד און געשריגן! אזא מין הייליגער זמן וואס דער זוהר הקדוש איז פול מיט דעם זמן, וויל מען דעם זוהר אוועקלייגן ווייל א ברסלב'ער חסיד טוהט אזוי?! אז די ברסלב'ער האבן אנגענומען דעם זוהר - דארף מען אוועקלייגן דעם זוהר...

ממש, יעדער איינער דארף וויסן ביי זיך - איך דארף האבן אַן עת רצון! יעדער האט זיך דארטן זיינע איבערגייעכצער, אויף א מענטש גייט דאך איבער, ער קען דאס נישט ארויסגעבן פאר קיינעם נאר פארן אויבערשטן אליין - דארף איך דאך האבן אַן עת רצון; זאגט מיר דער רבי, אט דאס איז אַן עת רצון, עס איז מסוגל, עס איז א פדיון.

רבי נתן רעדט אין א הלכה[כה], עס איז דא דארטן כ"ד בתי דינים, וויל מען דאך מאכן א פדיון, האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט - יעדן טאג איז דא אזא מין עת רצון אנטקעגן די כ"ד בתי דינים! דאס איז א מתנה פון דעם רבי'ן, אפילו איך פאלג יא צו נישט, אבער איך ווייס דאך פון אזא מתנה, און מען רעדט דערפון.

❖

---

[כה] ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה, אות ד', עיין שם.

# יונגעלייט וואס רייסן זיך צו אידישקייט!

ברוך השם, זעהען מיר ארוים, מיר האבן דאס געדעדט סוכות - עס איז א לעבעדיגע זאך; א סימן - דער רבי האט געזאגט א דיבור - עס שטייט אין ליקוטי מוהר"ן דערמאנט פון חצות, און עס איז שוין דא היינט פון דעם רבי'נס הסתלקות הונדערט פינעף און זעכציג יאר - און עס איז נאך דא אידן וואס זענען מקיים דער זאך, עס איז נאך דא אידן וואס שטייען אויף אלע נאכט חצות!

וואס איז? עס איז א דיבור פון דעם רבי'ן פון הונדערט פינעף און זעכציג יאר צוריק - און נאך מער, נאך בחיי רבינו. זעהען מיר דאך ארוים אז דעם רבי'נס (זאך לעבט)! פארוואס? ווייל דער רבי איז מיט אמת! אמת איז א זאך וואס איז 'קיים לעד', 'קושטא קאי', דער אמת האט א קיום, יעדעס דיבור וואס דער רבי האט געזאגט איז 'אמת ויציב' (וכו').

אז עס איז אמת, האט עס א קיום! אלע כוואליעס וואס גייען אריבער - גייען אריבער, און דער אמת בלייבט! מען וועט קיינמאל נישט פארלעשן דעם רבי'נס זאך!

דער בעל דבר קאכט אוודאי, ער ווייסט עס גוט; רבי נתן רעדט ארום אין דער ערשטער הלכה[כ], אזוי ווי די גאולה ראשונה איז געווען 'בחצות לילה', אזוי וועט די 'גאולה אחרונה' אויך זיין דורך די "כשרים ויראים הקמים בחצות" - דער בעל דבר ווייסט דאס גוט, וועט ער דען דאס צולאזן?! שטעלט ער אויף א דאס, א יענץ - 'וואס הייסט?!'... ווייל אזעלכע אידן וואס רעדן גאר פון חצות און דאס איז מקרב די גאולה - 'ווי קען מען דאס פארשווייגן?!'.

עס איז שוין געווען אסאך צייטן וואס מען האט געוואלט דעם רבי'נס זאך אויסרייסן, ווער שמועסט נאך - אין די צייטן פון רבי נתן'ען, עס איז געווען געוואלדיג ממש אז עס זאל מער נישט דערמאנט ווערן דער נאמען, "ולא יזכר שם ישראל", 'לא יזכר שם ברסלב'. אבער ווער פירט אוים? דער אמת פירט אוים, דער אמת פירט אוים, עס ווערן ברוך השם נתרבה נייע מקורבים מיט הערצער צום אויבערשטן, מיט עובדות טובות.

---

[כ] ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"א, אות ט"ו.

דער רבי פירט אוים! פארוואס? ווייל דאס איז אמת! יעדער איינער וואס ער וועט זיך מער ציען צום אמת, וואס ער וועט מער בעטן דעם אויבערשטן אויף אמת, וועט ער זיך האלטן שענער, וועט ער זיך האלטן בעסער.

(ר' אברהם יצחק: נאך מער זעהט מען, די אלע וואס זענען געשטאנען און געקריגט - פון די אלע איז גארנישט געבליבן!) גארנישט! גארנישט!

דא (בירושלים) איז געוועזן ר' פישל דער רב - ר' פישל בערנשטיין פון "חיי עולם", ר' דוד שעכטער פלעגט גיין צו אים, ער איז פון די אייניקלעך פון דעם סאווראנער רב. האט ער געזאגט: "וואס איז געבליבן פון זיי? וואס איז געבליבן פון זיי? שענק מיט פלעשער? דא איז דאך געבליבן - עס לעבט דאך!".

מען רעדט דאך אפילו פון די אמת'ע צדיקים וואס האבן אויפן רבי'ן נישט געקריגט און זיי האבן איבערגעלאזט הייליגע ספרים, אבער ווער איז דא היינט וואס זאל נעמען זייערער א ספר און לעבן מיט אים און גיין מיט אים? איז דען דא היינט אידן וואס זייער עבודה זאל זיין מיט א ספר און זיך מחבר זיין מיט אים און האבן ישוב הדעת מיט דעם? עס איז דאך נישטא! מיט דעם ליקוטי מוהר"ן איז דאך פארט דא!

איז דאך עס אים ממש "בְּצַוָּארוֹ יָלִין עֹז" - דער רבי איז א ביין אין האלז פארן בעל דבר![כז] ווי קען ער דאס פארליידן אז עס איז שוין הונדערט פינעף און זעכציג יאר נאך דאס הסתלקות - און עס איז דא חשובע יונגעלייט וואס רייסן זיך צו אידישקייט דא (בירושלים) און אין בני ברק, אין ארץ ישראל און ארום דער וועלט, ווי קען ער דאס פארליידן?!

❖

[כז] עיין לקוטי מוהר"ן ח"ב תורה ח' אות ג'.

## ווער איז דער אמת'ער לעבעדיגער?

אין מדרש שטייט[כח]: רבי יהושע בן חנניא האט געזאגט צום קייסער פון רוים - ער וויל אז עפעס א נאכט זאל זיין פינסטער - איין נאכט זאל נישט ברענען (קיין שום פייער). האט ער געזאגט דעם קייסער - 'נו, גיב ארויס א גזירה' - האט ער ארויסגעגעבן. איז געגאנגען דער קייסער מיט רבי יהושע בן חנניא'ן, גיין זעהן צו מען איז מקיים דער זאך, האבן זיי געזעהן ווי דארטן ברענט עפעס א לעמפעלע. זענען זיי געקומען אהינצו - 'וואס איז דאס? איך האב דאך גוזר געווען א גזירה אז נישט?' - א מעשה, א קראנקער...

'אזוי?' - זאגט ער, 'דו האסט איצטער ארויסגעגעבן א גזירה, עס איז נאך די ערשטע נאכט - און מען פאלגט דיר 'שוין' נישט; אבער אז משה רבינו האט געגעבן א גזירה: "לא תבערו אש ביום השבת" - איז שוין דא טויזענטער יארן וואס שבת איז שבת; זעהסטו? משה רבינו'ן פאלגט מען יא - און דו האסט געגעבן א גזירה וואס נאך אין דער ערשטער נאכט האט שוין דארטן א לעמפעלע געברענט'... [- עפעס א מסיבה געווען], 'מען הערט דיך 'שוין' נישט; איז ווי קען זיין אז די גזירה זאל האבן דארטן א קיום אויך נאך דיין אוועקגיין? מען הערט דאך דיר 'שוין' נישט!'.

יעדע גזירה פון דעם אויבערשטן איז תורת אמת - האט עס א קיום, האלט זיך עס; אזוי אויך, דעם רבי'נס זאך איז אַן אמת, האט עס א קיום; מיר ווען נישט זאגן אז אלע טוהען אזוי, אבער עס איז דא אידן יראים וכשרים וואס זיי האלטן זיך נאך אין דעם רבי'נס עצות, מיט התבודדות, מיט חצות, מען רייסט זיך צו גוטע זאכן.

---

[כח] קהלת רבה ט, ג', וזל"ש: כִּי לְכֶלֶב חַי הוּא טוֹב מִן הָאַרְיֵה הַמֵּת. אַנְדְּרִיָּאנוּס שְׁחִיק טְמַיָּא שָׁאַל אֶת רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה אֲמַר לֵיהּ אֲנָא טַב מִמֹּשֶׁה רַבָּךְ, אֲמַר לֵיהּ לָמָּה? דַּאֲנָא חַי וְהוּא מֵת, וּכְתִיב: כִּי לְכֶלֶב חַי הוּא טוֹב מִן הָאַרְיֵה הַמֵּת. אֲמַר לֵיהּ, יָכֵיל אַתְּ לִגְזֹר דְּלָא יַדְלֵק בַּר נָשׁ נוּר תְּלָתָא יוֹמִין? אֲמַר לֵיהּ אִין. לְעִידָן רַמְשָׁא דְּיוֹמָא קָמוּ סָלְקוּ תַּרְוֵיהוֹן עַל אִיגַּר פָּלָטִין, חֲמֵי תְּנָנָא סָלֵיק מִן רָחֵיק. אֲמַר לֵיהּ, מַה כֵּן? אֲמַר, אִיפַּרְכָא בִּישׁ וְעָאל אַסְיָא וּבַקַּר יָתֵיהּ וַאֲמַר לֵיהּ עַד דְּשָׁתֵי חֲמִימֵי לָא מִיתְסֵי. אֲמַר לֵיהּ, תִּיפַּח רוּחֵיהּ, עַד דְּאַתְּ בַּחַיִּים בָּטְלָה גְּזֵרָתָךְ, וּמֹשֶׁה רַבֵּנוּ בְּשָׁעָה שֶׁנִּגְזַר עָלֵינוּ (שמות לה, ג): לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת, לָא מַדְלִיק יְהוּדָאִי נוּר בְּשַׁבַּתָּא מִיּוֹמוֹהִי, וַעֲדַיִן לֹא נִתְבַּטְּלָה גְּזֵרָתוֹ מִכַּמָּה שָׁנִים עַד הַשְׁתָּא, אֲמַרְתְּ אַתְּ כֵּן דַּאֲנָא טַב מִינֵּיהּ.

(ר' נחמן: דער רבי האט געזאגט: "עס וועלן זיין מענטשן וואס וועלן דאוועגען און לערנען מיט מיין ספר!") **יא יא![כט] דעם רבי'נס זאך איז אַן אמת - אָן קיין שום פרסום מיט זאכענישן אוועקגעלייגט.**

❖

## נישט זיי פרעגן - זיי ענטפערן!

**אויך ביי ר' יצחק בער'ן[ל] דארטן; עס איז דאך געווען אין טעפליק א געוואלדיגע התנגדות אויף אונז, מען האט נישט געקענט בשום אופן אויסהאלטן, עס איז ממש געגאנגען עד הנפש. ר' יצחק בער האט דאך געוואוינט אין טירהאוויצע - און ער ליגט דאך אין טעפליק; ווי קומט ער קיין טעפליק? נאר זיי האבן אים ארויסגענומען קיין טעפליק; אז ער איז געקומען, איז געווארן שטיל! ער איז אזא מין מענטש געווען, אזא מין גוטסקייט - איז געווארן שטיל.**

(ר' נחמן: דאס איז געווען שוין נאך רבי נתן'ס הסתלקות?) **יא, אוודאי.**

**האבן זיי אים געזאגט: "ר' יצחק בער - ווערט אוים ברסלב'ער חסיד, וועט איר זיין א רבי איבער אלע רבי'ס!". האט ער געענטפערט: "אט דאס וואס איר זעהט אין מיר איז דערפאר ווייל איך בין א ברסלב'ער חסיד!".**

---

[כט] חיי מוהר"ן אות שמ"ט: פַּעַם אַחַת הָיָה מְשַׁבֵּחַ אֶת הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ מְאֹד, וְאָמַר שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ. וְהָיָה חָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד שֶׁיַּדְפִּיסוּ סִפְרוֹ עוֹד כַּמָּה פְּעָמִים וְיִתְפַּשְּׁטוּ בָּעוֹלָם. **וְאָמַר שֶׁיִּהְיוּ בְּנֵי אָדָם שֶׁיִּלְמְדוּ וְיִתְפַּלְּלוּ עַל יְדֵי הַסֵּפֶר הַזֶּה**, וכו' עיין שם.

[ל] מחשובי תלמידי מוהרנ"ת. עיין כוכבי אור ערך אנשי מוהר"ן אות ל"ב: אָמַר הַמַּעְתִּיק, וְכֵן כָּל הָאֲנָשִׁים שֶׁנִּתְקָרְבוּ לְהַמְקֹרָבִים שֶׁל אַדְמוֹ"ר זַ"ל בִּפְרָט אוֹתָם שֶׁנִּתְקָרְבוּ לְמוֹהַרְנַ"ת זַ"ל וְקִיְּמוּ וְעָשׂוּ כְּפִי מַה שֶּׁהוֹרָה אוֹתָם מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בְּדַרְכֵי אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל וּבַעֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת, כֻּלָּם בָּעֲרוּ לְבָבָם לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהָיוּ צַדִּיקִים גְּמוּרִים, **כְּמוֹ ר' יִצְחָק דֹּב מִטֶעפְּלִיק אֲשֶׁר בִּתְחִלָּה יָשַׁב בְּטִירְהָאוִויצֶע, אֲשֶׁר אֲפִלּוּ כָּל הַמִּתְנַגְּדִים הֵעִידוּ וְהִגִּידוּ שֶׁהָיָה צַדִּיק תָּמִים**. נִגְוַע וַיֵּאָסֵף אֶל עַמָּיו בְּשֵׁם טוֹב בִּשְׁנַת תרי"ד. גם עיין טעם זקנים קונטרס א': ר' נתן האט אמאל גערעדט דאס גרויסקייט פון דעם בארדיטשוב'ער רב, וועגן זיין עבודה, האט זיך אנגערופן ר' נתן; **"מיר האבן היינט אויך א בארדיטשוב'ער רב!"** - און האט א ווייז געגעבן אויף דעם ר' יצחק בער'ן! דער איד האט געקאכט ווי א קעסל - געקאכט! ביי ר' יצחק בער'ן איז געווען אמאל וואס ער האט געזאגט דארט (הבוחר בעמו ישראל וכו') איז ער געבליבן חלשות...

(ר' נחמן: זיי האבן געזאגט אז ער האט אלע מעלות נאר איין חסרון - אבער 'דער חסרון איז אלע מעלות'...) **יא יא, ער האט דעם חסרון.**

**ר' יקותיאל איז געווען זיינס א יונגערער ברודער. אז ר' יצחק בער איז אוועקגעפארן פון טירהאוויצע, האט ר' יקותיאל זייער געוויינט - 'אזא ברודער פארט אוועק!' [דאכט זיך מיר, ער איז געווען נאך זייער יונג]. האט ער זיך מיט אים געזעגנט און ער האט אים געזאגט: "קויף דיר א 'שערי ציון', און שטיי אויף אלע נאכט חצות, וועט דיר ווערן ל-ע-כ-ט-י-ג!" - מיט דעם האט ער זיך מיט אים געזעגנט!**

(ר' נחמן: וועמענ'ס ברודער איז געווען ר' לייב?) **ר' סענדר'ס!** (ר' נחמן: אויך געווען א טירהאוויצער!) **יא יא**[לא]**.**

**זיי אליין קענען דאס נישט פארשטיין בשום אופן אין דער וועלט, זיי קענען דאך נישט ענטפערן קיין תירוץ, אזוי פיל צדיקים זענען געוועזן דעמאלט, און דא איז געווען א רבי - א ברסלב'ער רבי - וואס טוהט זיך דא?! וואס קאכט זיך דא מער ווי פון אלע צדיקים?! - דאס קענען זיי נישט פארשטיין!**

**וואס קען מען זיי ענטפערן א תירוץ? איר ענטפערט דאך דעם תירוץ - נישט איר פרעגט - איר ענטפערט דאך! איר ענטפערט דאך אליין דעם תירוץ! אט דאס איז עס! אט דאס איז עס און שוין.**

(ר' נחמן: דער טשעהרינער רב שרייבט אויך אין "פרפראות לחכמה"[לב] - מען קען זיי נישט ענטפערן קיין תירוץ!) **יא יא! מען קען נישט - 'וואס איז דאס?!' - אבער מען זעהט דאך פארט אזוי.**

**אין אומאן, דאס עניות ודחקות וואס דארטן האט זיך געטוהן איז געווען א געוואלד, מען קען זיך דאס נישט אויסמאלן. דא** (בארץ ישראל) **איז שוין די הרחבה אביסל מערער,**

---

[לא] עיין שיש"ק ח"ד אות ער"ה: רַבִּי לֵיבּ אָחִיו שֶׁל רַבִּי סֶענְדֶער טְרָהְוִויצֶער זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה הָיָה אָדָם קָדוֹשׁ וְנַעֲלֶה מְאֹד, פַּעַם תָּפַס אֶת זְקָנוֹ וְהִפְלִיג בְּשִׁבַח עַצְמוֹ, וְאָמַר: זְקָנִי זוֹ כְּבָר נְקִיָּה מֵ"הִרְהוּר" עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה. **"דִּי בָּארְד אִיז שׁוֹין פִינֶעף אוּן צְוַואנְצִיג יָאר רֵיין פוּן אַ הִרְהוּר".**

[לב] סי' ה' תנינא, אות כ"ז: והחולקים רואים את כל זה ותמהים ושואלים וחורקין שיניהם מאד על ענין הקיבוץ הזה בכל שנה ושנה ביגיעות וטירחות גדולות כל כך ומה אתם רואים? ומה אתם שומעים? וכו', **ואי אפשר להשיב להם שום תשובה נוצחת כלל.**

די שטוב, די הלבשה, דאס עסן, טרינקען. דארטן, א שטיקל הארטע ברויט וואס מען האט עס געדארפט איינווייקן אין הייסע וואסער - איז קיין הייס וואסער נישט געווען... און אט דאס איז געווען דאס עסן, מיט דעם האט מען געדינט דעם אויבערשטן גאנצע נעכט מיט גאנצע טעג, עס האט געקאכט א פייער!

וואס האבן זיי געהאט? אין שטוב איז געווען קאלט, די מקוה איז קאלט, אז מען גייט נאר אויפן ציון אין א שניי - פאלט מען אראפ... וואס האבן זיי געהאט? נאר געהאט דאס חיות פון אמת, דאס חיות פון אידישקייט, אט דאס איז געווען, דאס האט אים געהאלטן.

❖

## קוים דריי אידן געווען ביי דער לויה...

איך האב שוין דערציילט אמאל, אין קיבליטש איז געווען איינער, האט ער געהייסן "הערשקע", זיין פרנסה איז געווען מיט א פעסל סמאָלע (זפת) - ער פלעגט פארקויפן סמאלע - יענע רייכע פרנסה... אז מען איז אריינגעקומען צו דעם הערשקע אין שטוב אין א ווינטער איז געווען א פחד, די גאנצע שטוב איז געווען פול מיט שניי, די ווענט איז געווען פול מיט שניי, א פראָסט, אַן ארעמאן, איך ווייס נישט וואס ער האט געגעסן דארטן, איך ווייס נישט צו ער האט געהאט אפילו א שטיקל ברויט צו וואס...

זאגט מיר דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער): **"גיי ארוים ביינאכט; גאנץ קיבליטש איז פינסטער - און ביי הערשקע'ן ל-י-י-כ-ט זיך!"**. וואס האט געקענט לייכטן? קיין ביסל בוימל איז נישט געווען, נאר א קריינצל פון נאפט, עס שטינקט אזוי אין די אויגן, מיט דעם קריינצל האט מען געדינט דעם אויבערשטן.

אז דער "הערשקע" איז נפטר געווארן - ווער איז דען געווען ביי דער לויה? דריי אידן איז געווען ביי דער לויה... זאגט דער שווער: **"דו זעהסט וואספארא לויה ער האט?! דארטן וועט מען אים אבער אנטקעגן גיין, דארט איז ער זייער חשוב!"**.

אט דער הערשקע איז אויפגעשטאנען אלע נאכט חצות - א ברסלב'ער חסיד אַן ארעמאן! ווער דארף האבן דער לויה? הערשקע איז געשטארבן - א געשעפט...

געשטארבן איז געשטארבן. אבער 'דארטן' וועט ער האבן א שיינע (אויפנאמע), 'דארטן' וועט מען אים אנטקעגן גיין.

דער איד וואס ער האט אינזין דעם תכלית לאכט זיך אויס פון דער לויה... א געשעפט - א לויה אהין, א לויה אהער, ער איז דאך שוין אין קבר, וואס קומט ארויס פון די נארישקייטן?!

דער רבי האט געזאגט: **"א מת קען האבן גאוה פון א שיינע לויה!"**[לג]. א נפטר קען האבן גאוה וואס ער האט א שיינע לויה - א דיבור פון דעם רבי'ן.

פארוואס? דער נפטר - 'עד זיבולא בתרייתא' ווייסט ער נאך וואס טוהט זיך! ווער שמועסט נאך - די לעבעדיגע האבן אוודאי גאוה - 'דער טאטע האט געהאט א שיינע לויה!', 'דער טאטע', 'דער טאטע!'. וואס-ווען? וואס לויה? דארטן לאכט מען זיך אויס פון די אלע מעשה'ס, "צעהן טויזנט מענטשן", "הונדערט טויזנט מענטשן", עס קאכט זיך א געשעפט... דארטן איז נאר אמת! מיט וואס איז ער געקומען אהינצו?! די לויה איז דאך נאר ביז מען לייגט אים אריין אין קבר, נאכדעם גייען דאך אלע אוועק, ווער בלייבט אים איבער? ווער בלייבט?!

איז דאך נאר וואס דער אויבערשטער העלפט אז מען האט אויף זיך רחמנות און מען שרייט: "רבונו של עולם האב אויף מיר רחמנות, ראטעווע, ראטעווע מיר!" - נאר דאס גיט עפעס אריין אין דעם מענטשן און ער האט עפעס דערפון וואס עס קלעפט זיך עפעס אריין.

❖

---

[לג] עיין גמ' שבת דף קנ"ב ע"ב: אָמַר רַבִּי אַבָּהוּ, **כֹּל שֶׁאוֹמְרִים בִּפְנֵי הַמֵּת - יוֹדֵעַ, עַד שֶׁיִּסָּתֵם הַגּוֹלֵל**, וכו'. גם עיין תוספות סנהדרין דף מ"ו ע"ב ד"ה "קבורה".

## זיך געשושקעט שטילערהייט...

דער רבי זאגט דארט אין דער מעשה פון דעם "בן מלך ובן שפחה שנתחלפו"[לד], אז זיי זענען פארביטן געווארן. רבי נתן רעדט אין א הלכה דארטן וועגן די חילופים[לה], אז אין אלץ איז דא אט דער חילוף.

זאגט דער רבי דארטן אין דער מעשה: "מען האט זיך געשושקעט שטילערהייט אז עס האבן זיך פארביטן - - " מען האט מורא געהאט צו רעדן אז מען האט גענומען דעם אמת'ן בן מלך און מען האט אים פארביטן.

איי דער איז א מלך אויף דער גאנצער וועלט גאר פאלש - האט מען זיך שטילערהייט געשושקעט אז עס איז פארביטן. הויעך האט מען מורא געהאט צו רעדן; 'וואס הייסט, מען קען דאך נישט רעדן הויעך - דאס איז דאך דער מלך אויף דער גאנצער וועלט!' - ער איז דאך אבער פארביטן; זאגט דער רבי, האט מען זיך געשושקעט שטילערהייט.

פלעגן אונזערע לייט זאגן: הויעך טאר מען נישט רעדן, אבער שטילערהייט דארף מען יא רעדן! אז נישט וועט מען ביי אונז אויך מיינען אז דאס איז עס. נאר וואס דען, מען דארף זיך שושקען שטילערהייט צו וויסן אז עס איז פארביטן, עס איז א חילוף, עס איז פארביטן!

דער רבי זאגט אין תורה ס"ב[לו]: דער אויבערשטער איז אזוי נעלם אז מען זעהט נישט גארנישט, מען ווייסט נאר 'מן הגלוי על הסתום', און בגלוי זעהט מען דאך גארנישט, איז דאס א געוואלדיגער לימוד זכות.

למשל, אז א טאטע גייט אוועק - און ער לאזט דא איבער א קינד א רשע; זאל אים אמאל קומען דער טאטע אין חלום און אים זאגן - 'מיין קינד, דו זאלסט וויסן עס איז שלעכט!' - וואלט ער דאך געווארן אוים רשע?! (נאר וואס דען, אויף דער וועלט גייט עס בהעלמה למען הבחירה).

---

[לד] מעשה י"א מספה"ק סיפורי מעשיות.

[לה] ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג, עיין שם באריכות.

[לו] עיין שם אות ו'.

מען דארף רעדן איינער מיטן אנדערן - 'אט דאס איז דער אמת!' דאס איז דער אמת. איצטער איז א געוואלדיגע העלמה; וואס עס גייט נענטער צו משיח'ן איז די העלמה גרעסער, מער נעלם, מער נעלם, מער בהעלמה, נעלם מעין כל חי, און דאס פרסום איז דא גרוים, עס טוהט זיך אפ - און די נקודה פון אמת שטייט אין דער זייט.

נאר וואס דען, דער אמת איז אליין אַן עדות פאר זיך. דער אויבערשטער זאל העלפן טאקע, מען זאל זיך גוט איינ'חזר'ן - "וואו איז אבער פ-א-ר-ט דער אמת?!", 'וואו איז אבער פארט דער אמת?!'[לז].

(ר' נחמן: ר' אברהם ר' נחמן'ס ברענגט דאך דעם משל פון דאס ניסל, מען זעהט גארנישט ארויס דאס ניסעלע, מען זעהט נאר דעם שאלאכץ ווי עס האלט אין איין וואקסן, עס ווערט גרעסער און גרעסער!) יא יא; נו, ווי נעמט מען שוין אראפ דעם שאלאכץ? לאמיר זעהן דאס אינעווייניגסטע...[לח]

דעם רבי'נס זאך, ווען נישט וואס דער אויבערשטער אליין היט עס אפ, איז נישט קיין שום זאך (צו פארשטיין) ווי אזוי עס האלט זיך - נאר דער אויבערשטער אליין היט עס אפ[לט].

❖

---

[לז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, צ"א.

[לח] עיין כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות ד': וְכֵן דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מֵהַפְלָגַת הַשֶּׁטֶף מַיִם רַבִּים הַנִּמְצָאִים בְּזֶה הָעוֹלָם, תַּאֲוֹת רָעוֹת, וּמִדּוֹת רָעוֹת, שְׁאֵלוֹת וּמְבוּכוֹת, אֱמוּנוֹת כְּזָבִיּוֹת וְכַדּוֹמֶה, וְאָמַר שֶׁבְּכָל זֹאת יְקֻיַּם כַּמּוּבָא בְּרַשִׁ"י פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב בְּמָשָׁל הַפֶּחָמִי וְכוּ' נִיצוֹץ אֶחָד יוֹצֵא מִיּוֹסֵף שֶׁמְּכַלֶּה וְשׂוֹרֵף אֶת הַכֹּל. וְהַנִּרְאֶה מִכָּתְלֵי מַאֲמָרָיו הַנַּ"ל כְּמָשָׁל הָאֱגוֹז (שֶׁנִּמְשָׁלִים בּוֹ נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ בְּעִנְיַן הַכָּתוּב: "אֶל גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי") שֶׁבִּגְמַר הַבִּשּׁוּל נִמְצָא בְּתוֹכוֹ פְּרִי יָקָר וְיָפֶה לְמַאֲכַל בְּנֵי אָדָם, אֲשֶׁר זֹאת הַפְּרִי צָמְחָה וְגָדְלָה מִיּוֹם לְיוֹם בְּלִי הֶפְסֵק, וּכְעֵין זֶה נִמְצָא צְמִיחַת הָאֱמֶת מִדּוֹר לְדוֹר (כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי מוֹהֲרַנַ"ת בְּשֵׁם הָאֲרִ"י זַ"ל) וְשֶׁעַל זֶה אֲנַחְנוּ מְבָרְכִים בְּכָל יוֹם: "מַצְמִיחַ קֶרֶן יְשׁוּעָה". וְאַף־עַל־פִּי שֶׁכְּנֶגֶד זֶה גַּם הַקְּלִפּוֹת הַמְסַבְּבוֹת אוֹתָהּ צוֹמְחִים וּגְדֵלִים מִיּוֹם לְיוֹם לְהַסְתִּירָהּ מֵעֵינֵי בְּנֵי אָדָם בְּכָל עֵת וָעֵת יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי לְעֵינֵי בְּנֵי אָדָם וְחוּשֵׁיהֶם לֹא נִרְאֶה וְנִרְגָּשׁ רַק הַקְּלִפָּה שֶׁבַּחוּץ, וְהַפְּרִי גְּנוּזָה וּצְפוּנָה בְּתוֹכָהּ שֶׁלֹּא נִרְאֶה כְּלָל, וְעָלָיו נֶאֱמַר: "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב", כִּי טוֹב לִגְנֹז. אֲבָל סוֹף כָּל סוֹף "יָצָא חֹטֶר מִגֶּזַע יִשָׁי" אֲשֶׁר יְשַׁבֵּר וְיַעֲבִיר רוּחַ הַטֻּמְאָה מִן הָאָרֶץ, וּבְהִתְגַּלּוּת הַפְּרִי יִרְאוּ עַיִן בְּעַיִן כִּי בְּכָל יְמֵי הַגָּדוֹל נִמְצָא הֶכְרֵחַ גַּם בְּהַקְּלִפּוֹת הַמַּסְתִּירוֹת אוֹתָהּ, לְהַצִּילָהּ וּלְשָׁמְרָהּ דַּיְקָא עַל־יְדֵי זֶה (וּכְעִנְיָן הַמּוּבָא בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים בְּעִנְיַן הַכָּתוּב "צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק" וְכוּ'). וְיֵשׁ בְּכָל זֶה הַרְבֵּה לְבָאֵר, וְאִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי אֲבָאֵר בְּמָקוֹם אַחֵר.

[לט] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות רע"ו, מה שהמשיל מוהרנ"ת ענין רביז"ל למשל לדוכס אחד שהיה לו גן נפלא וכו', והפטיר על זה מוהרנ"ת: כן הדבר נוהג עם האמת היקרה שאינה בנמצא והיא מושלכת

## עס פארבלייבט א קליין שטעשקעלע

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: **"אז מען פארלייגט זיך אויפן וועג און מען לאזט מיר איבער כאטש א קליין שטעשקעלע - דערפאר לייד איך - און איך לאז אים; אבער אז מען וויל זיך אינגאנצן פארלייגן - נעמט מען אים צו!"**[מ].

'אז מען לאזט גארנישט איבער, דעמאלט נעמט מען יענעם צו'. איז עס א דיבור פון דעם רבי'ן, מען לאזט נישט פון אויבן אז מען זאל זיך פארלייגן אינגאנצן, עפעס בלייבט אים, כאטש אז עס איז א קליין וועג, דארף מען ליידן, מען לאזט דיר בחירה - א קליין שטעשקעלע.

דער רבי האט דאס געזאגט אויף א גדול, ער האט זיך געוואלט פארלייגן אינגאנצן - האט מען אים צוגענומען.

ממילא, קומט דאך אויס פון דעם דיבור, דעם רבי'נס זאך וועט בשום אופן נישט ווערן פארלייגט אינגאנצן. דאס הייסט, עס איז טאקע שווער, אבער עפעס בלייבט איבער.

א מענטש אז מען לאזט אים איבער נאר דאס מויל, דאס מויל אז ער האט - איז דאך שוין נישט פארלייגט; אז מען פארשטאפט אים נישט דעם מויל איז דאך שוין גוט.

(ר' אברהם יצחק: צו לייגן תפילין דארף מען דאך אויך האבן דעם רבי'נס עצות - אָן דעם רבי'נס עצות קען מען נישט לייגן קיין תפילין, קען מען נישט דאווענען!) נו, אוודאי אזוי, דאס איז א געוואלדיגע התחזקות - 'מען לאזט נישט פארלייגן אינגאנצן דעם וועג'.

מען האט שוין כמה פעמים גערעדט פון דעם משל. רבי נתן האט געהאלטן זייער פון די חלומות פון דעם רבי'נס טאכטער (אדל), זי פלעגט אים דערציילן חלומות. האט זי אים דערציילט איינמאל א חלום:

---

ארצה, ועובר עליה מה שעובר, אבל אין לפחד על האמת המושלך הזה, כי השי"ת בעצמו הוא **"שומר אמת לעולם"** (תהלים קמו, ו), ועיניו תמיד על האמת, שתוכל לעמוד על עמדה - עד שיתקיים "אמת מארץ תצמח" (שם פה יב), ותגדל ותצליח ותעשה פרי, ושפת אמת תכון לעד (לשה"כ משלי יב יט).

[מ] מובא בשיש"ק (חדש) ח"א, אות רפ"ו. עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' ר"ח עה"פ "צופה רשע לצדיק" וכו', עיין שם.

זי האט געזעהן דארט אין ברסלב ווי א גרויסער עולם איז געשטאנען ארום דעם בית מדרש - און אלע זענען געווען מתנגדים אויפן רבי'ן, האבן זיי געזאגט: "אט דארף ער אנקומען (- דער רבי) - אבער מיר וועלן אים נישט ארייגלאזן אין בית מדרש!". אזוי (- בתוך כך) איז דער רבי אנגעקומען און צוגעגאנגען - האט דער ערשטער אפגעטרעטן. האט דער אנדערער געזאגט - "איך וועל אים נישט לאזן". אז דער רבי איז געקומען צום אנדערן - איז דער אנדערער אוועקגעגאנגען. האט דער דריטער געזאגט - "אבער איך וועל אים נישט לאזן". איז דער רבי געקומען צום דריטן - - ביז דער רבי איז אריינגעקומען.

האט רבי נתן אזוי געזאגט: "אט אזוי גייט דעם רבי'נס זאך; ארויסזעהן א וועג ביזן סוף - זעהט מען נישט ארויס, נאר דער טרעט וואס מען מוז טוהן, לאזט מען!".

בשעת מען גיט דעם טרעט - אסאך מענטשן פאלן דעמאלט אראפ - 'וועל איך טוהן א טרעט - אבער ווייטער וועל איך דאך נישט קענען!?' דער תירוץ איז, קוק נישט אויף ווייטער; אז דו וועסט קומען ווייטער - וועט מען דיר ווייטער לאזן געבן א טרעט! דאס איז אזא מין סארט חסידות וואס דו זעהסט נישט ארויס ביזן סוף, נאר די רגע זעהסטו ארויס - אין דעם האלט זיך!

אזוי קענסטו ווערן אַן אלטער איד און זיך האלטן ביז די הונדערט יאר - אליץ מיט א רגע, מיט א טרעט; מן השמים פירט מען שוין אזוי צו אז דעם טרעט וואס דו מוזט טוהן - טוהסטו.

"אזוי גייט דעם רבי'נס זאך!" - רבי נתן האט דאך געהערט פון איר א חלום - "נאר א טרעט!" אוודאי, קיין גאנצער וועג וועסטו נישט זעהן.

❖

"דרך הבעל דבר להגדיל הצער"[מא] - דער בעל דבר מאכט גרויס דעם צער, ער מאכט דער זאך פיל ערגער - אט דאס איז די זאך זיינע.

---

[מא] עיין שיחות הר"ן אות ש"ח: הַכֹּל הֵם מִן הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת כָּאֵלֶּה לְהַכְבִּיד הַצַּעַר וּלְהַגְדִּיל דַּאֲגַת הַפַּרְנָסָה.

**דער מענטש דארף ווי ווייט ער קען, מאכן דער זאך קלענער[מב].**

**וואס איז זיין כוונה פון 'להגדיל הצער'? אז דער מענטש זאל ארייגפאלן אין א יאוש, אט דאס איז די כוונה פון דעם בעל דבר,** (כי מסיתו עד שנדמה לו:) **'איך וועל בשום אופן נישט קענען אויסהאלטן'.**

**דער רבי זאגט אין תורה ב'[מג]: "אלע מלחמות און אלעס וואס מען נעמט איין, איז נאר דורך תפילה!".**

**אז איך גיי אריין אין א מלחמה אריין - און איך ווייס אז איך וועל כובש זיין, הויב איך אָן. זאגט דער רבי, דו זאלסט וויסן, אלע מלחמות און אלע כבישות איז נאר פון דארטן, 'הכל משם' - נאר פון תפילה! וואס דו וועסט זיך אנהאלטן מער אין תפילה, וועסטו מער כובש זיין דער מלחמה!**

**מיר האבן א הבטחה פון דעם רבי'ן: אלע כבישות און מלחמות איז נאר דורך תפילה!**

**רבי נתן איז געווען א קראנקער מענטש, ער האט געהאט חולי מעיים, און אזוי פיל רדיפות געהאט - און דער אויבערשטער האט אים געהאלפן - נאר מיטן כח פון תפילה איז ער אלץ בייגעקומען!**

(ר' נחמן: "רוב בני גילי זענען שוין נישטא אויף דער וועלט!" - שרייבט רבי נתן) **יא יא![מד]**

---

[מב] עיין עלים לתרופה במכתב מיום א' בהעלותך תקצ"ז: אֲהוּבִי בְּנִי שֶׁיִּחְיֶה אִם אָמְנָם צַעַרְךָ גָּדוֹל וַאֲנִי מִצְטַעֵר הַרְבֵּה מִיסּוּרֶיךָ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם. עִם כָּל זֶה אַתָּה מַחֲמִיר בְּיוֹתֵר. **וְאַתָּה מַגְדִּיל הַצַּעַר יוֹתֵר מִדַּאי. וְכָל דְּבָרֵינוּ הֵם לְמַעֵט וּלְהַקְטִין הַצַּעַר וְהַצָּרָה וְלִמְצֹא הַרְחָבָה בְּתוֹךְ הַצָּרָה עַצְמָהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב עַל פָּסוּק בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי.**

[מג] וזל"ש (מליקוטי עצות): **עִקַּר הַכְּלֵי זַיִן שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הוּא הַתְּפִלָּה, וְכָל הַמִּלְחָמוֹת שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לִכְבֹּשׁ הֵן מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר הָרָע הֵן שְׁאָרֵי מִלְחָמוֹת עִם הַמּוֹנְעִים וְהַחוֹלְקִים הַכֹּל עַל־יְדֵי תְּפִלָּה וּמִשָּׁם כָּל חִיּוּתוֹ. עַל־כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל בֶּאֱמֶת צָרִיךְ לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וְשִׂיחוֹת בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, כִּי זֶה עִקַּר הַכְּלֵי זַיִן לְנַצֵּחַ הַמִּלְחָמָה.**

[מד] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' י"א טבת ת"ר, וזל"ש: ...וּבִפְרָט עָלַי אֲשֶׁר לֹא יְאֻמַּן כִּי יְסֻפַּר שֶׁיִּהְיֶה אֶפְשָׁר לִסְבֹּל כָּל אֲשֶׁר עָבַר עָלַי. וְאַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁאֲנִי מְחַשֵּׁב עִמִּי. אֲנִי רוֹאֶה הָאֱמֶת **שֶׁכָּל בְּנֵי גִּילִי אֲשֶׁר**

## צוגענומען ביי אים דעם טלית

רבי נתן האט דאך גארנישט געטוהן. דער חולק הידוע דארטן - משה חינקעס, ער איז דאך געווען א געוואלד, ער האט זיך משדך געווען מיטן רבי'ן, ער האט גענומען דעם רבי'נס קינד - ר' אברהם בער'ניו - פאר אַן איידעם, און געווען ביים רבי'ן, און אלעם[מה].

פון וואנעט איז ער געקומען צו דעם שידוך? ער האט דאך אינגאנצן קיין קינדער נישט געהאט? נאר דאס האט אים רבי נתן געזאגט: "אזוי האב איך געהערט פון דעם רבי'ן: 'אז משה וועט זיך גט'ן און נעמען אַן אנדערע, וועט ער האבן קינדער'!". האט משה געפאלגט רבי נתן'ען, ער האט איר אפגע'גט און ער האט איר אוועקגעגעבן האלב פון זיין פארמעגן, און ער האט געהאט קינדער[מו].

(ר' נחמן: רבי נתן האט דאך אים דאס געזאגט אין דער סוכה!) **יא יא, "דורך וועמען האסטו קינדער?!"[מז].**

נאכדעם ווען עס איז געווארן די גרויסע התנגדות, האבן זיי זיך אפגע'גט. אדל'ע דעם רבי'נס טאכטער איז געווען דעמאלט ביים גט. דער גט איז געווען מיט אזא מין אכזריות אז אפילו דעם טלית האט מען ביי אים צוגענומען... מען הערט דאס נישט אין דער וועלט אז מען זאל צונעמען א יונגערמאן דעם טלית, ער האט נישט געהאט מארגן דעם טלית צו דאווענען - מיט אזא מין אכזריות איז געווען דער גט.

איז זי אריין צום בית דין - דעם רבי'נס טאכטער - "אט דאס איז דער אמת?", זאגן זיי: "אזוי וויל דער רָבי!"...

---

**הָיוּ לָהֶם כָּתֵף סוֹרֶרֶת לְהִתְקָרֵב וְלִטְעֹם מֵאוֹרוֹ הַקָּדוֹשׁ כֻּלָּם עָבְרוּ חַיֵּיהֶם בְּצָרוֹת וּמְרִירוּת הַרְבֵּה יוֹתֵר מִמֶּנִּי וְרֻבָּם מֵתוּ.** וַאֲשֶׁר הֵמָּה חַיִּים עוֹדֶנָּה, מְלֵאִים צָרוֹת מִצָּרוֹת שׁוֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, וְאֵין לָהֶם בַּמֶּה לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמָן. אַךְ הָעִקָּר הוּא הַנִּסָּיוֹן לְפִי שָׁעָה לִבְלִי לִשְׁמֹעַ לְדִבְרֵיהֶם הָרָעִים שֶׁל הַחוֹלְקִים עַל הָאֱמֶת, וְלִבְלִי לְהַטּוֹת דַּעְתּוֹ חַס וְשָׁלוֹם לְשׁוּם סְבָרָה שֶׁל שֶׁקֶר הַהֲפוּכָה מִן הָאֱמֶת, רַק לְהִסְתַּכֵּל בְּכָל עֵת אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וּלְקַיֵּם חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ.

[מה] עיין כוכבי אור - ערך אנשי מוהר"ן אותיות ז', ל"ה, מה שראה עיניו בעצמו כמה מופתים מרביז"ל.

[מו] עיין שם אות ח'; חיי מוהר"ן אות כ"ט.

[מז] עיין שם אות כ"א. גם עיין טעם זקנים קונטרס כ"ה.

**זיי האבן אויך געוואוסט אז נישט דאס איז דער אמת - נאר 'דער רב וויל אזוי'...**

**געווים (- כמובן) האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט אויף דעם רבי'נס א קינד. אזוי ווי ער האט אפגעגעבן דעם גט, איז געווען דער רבי'נס א תלמיד - ער האט געהייסן ר' בער[מח], ער האט געוואוינט אין טשעהרין, אז ער האט דאס געהערט, האט ער זיך אנגערופן צו זיין רעביצין: "דעם רבי'נס קינד האט מען אפגע'גט; מיר האבן דאך א פארמעגן" - ער האט געהאט א טאכטער א בתולה, "וועלן מיר איר אוועקגעבן האלב - און פאר זיך לאזן האלב, וועלן מיר נעמען דעם רבי'נס קינד פאר אַן איידעם!".**

**ער איז געווען ביי זיך אזא מין 'שפל ברך' דער ר' בער, האט ער געמיינט אז אפשר וועט אדל'ע נישט וועלן, איז ער אוועקגעפארן קיין אומאן, ער האט מיטגענומען מיט זיך ר' נפתלי'ן - און געקומען זיך 'בעטן' ביי אדל'ען זי זאל וועלן... דארטן איז גלייך געווארן דער שידוך, און באלד איז געווען די חתונה.**

**ברענגט ער דארטן[מט], עס איז געווען אפילו פון די מתנגדים וואס האבן דעם משה'ן געזאגט - 'אזא מין הון רב האסטו ארויסגעגעבן פון שטוב?!'...**

**ער איז געווען דעם רבי'נס א תלמיד - ר' בער, ער האט אזוי מורא געהאט פארן אויבערשטן - אָה![נ]**

---

[מח] הנזכר לעיל, שעל ידו נתקרבו ר' יודל ור' שמואל אייזיק. עיין כוכבי אור - ערך אנשי מוהר"ן, אות י"ט.

[מט] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' תצוה תקצ"ו: וּדְעוּ שֶׁיְּדִידֵנוּ הַמֻּפְלָג מוֹרֵנוּ הָרַב אַבְרָהָם בֶּער שֶׁיִּחְיֶה נָסַע אֶתְמוֹל לְאוּמַאן, עִם אִמּוֹ הַצְּנוּעָה מָרַת אָדִיל תִּחְיֶה, וְעִם עוֹד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ. וְשָׁם יִתְוַדְּעוּ יַחַד עִם הַנָּגִיד רַבִּי בֶּער מִטְשֶׁעהְרִין שֶׁיָּבוֹא לְשָׁם עִם בִּתּוֹ תִּחְיֶה וְשָׁם יִהְיֶה נִגְמָר הַהִתְקַשְּׁרוּת בֵּינֵיהֶם לְמַזָּל טוֹב, וְתִהְיֶה הַחֻפָּה לְמַזָּל טוֹב בְּסָמוּךְ. **וְרַבִּי בֶּער הַנַּ"ל הָיָה בְּעַצְמוֹ בִּבְרֶסְלֶב בִּשְׁבִיל זֶה, וְהִשְׁתַּטֵּחַ בְּבַקָּשׁוֹת עֲצוּמוֹת לִפְנֵיהֶם שֶׁיִּשְׁתַּדְּכוּ עִמּוֹ.** וְהוּא מְפַזֵּר לְנַדָּן יוֹתֵר מִשְּׁנֵי אֲלָפִים קֶערְבְּלִיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֲשֶׁר עֲזָרָנוּ עַד כֹּה. וְהַמִּרְשַׁעַת הַמְגֹרֶשֶׁת וְאָבִיהָ וְאִמָּהּ הַמִּרְשַׁעַת שְׁנֵיהֶם חוֹרְקִים וְנִמֵסִים וּכְמַדְקֵרוֹת חֶרֶב בְּבִטְנָם. כֵּן יוֹסִיף ה' בְּרַחֲמָיו לְהַפִּילָם נְפִילָה אַחַר נְפִילָה, עַד יַכִּירוּ הָאֱמֶת וִיקָרְחוּ קָרְחָה בְּרֹאשָׁם וִימָרְטוּ פְּנֵיהֶם עַל כָּל הָרָעוֹת שֶׁעָשׂוּ לְעַצְמָם שֶׁאִבְּדוּ בְּיָדָם הוֹן יָקָר כָּזֶה. **וְגַם מֵהֶם וּבָהֶם מְטִיחִים דְּבָרִים נֶגֶד מֹשֶׁה הַמְהֻפָּךְ לְשַׁמָּה עַל אֲשֶׁר נֶאֱבַד לָנֶצַח מִטּוֹב כָּזֶה.**

[נ] עיין כוכבי אור - ערך אנשי מוהר"ן, אות כ"א: רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר עָלָיו **שֶׁהוּא יָרֵא כָּל־כָּךְ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ שֶׁמַּנִּיחִים אֵצֶל הָרוּסִישֶׁען צוּ שְׁמַייְסִין** (כְּמוֹ שֶׁמַּנִּיחִים אֵצֶל הָרוּסִים לְהַלְקוֹת). עיין עוד טעם זקנים קונטרס ע"ז.

**דער אמת איז טאקע, איז דען דאס געווען א גלייכער שידוך? זי איז דען געווען שייך צו ר' אברהם בערניו'ן - א איד א צדיק א קדוש? איז זי דען געווען שייך צו אים?!**

(ר' נחמן: דעריבער האט זיך טאקע די קאווע אויסגעגאסן...[נא])

## "אל תאמין בעצמך"

**"דער אויבערשטער פירט תמיד אוים!"[נב].**

**אויף "ואתה מרום לעולם ה'" - זאגט רש"י: "לעולם ידך על עליונה"! דער אויבערשטער פירט טאקע אוים, אבער בשעת עס גייט איבער, דארף מען זיך שטארקן אין די אמונה, דערווייל איז דאך עס א העלמה. דער רבי זאגט[נג]: "וזה בחינת ההעלמה!" - עס איז דאך נעלם, געוואלד!**

**גענומען אזא יונגערמאן, אפגע'גט מיט אזא מין אכזריות, מיט אזא בזיון, אדל'ע דעם רבי'נס טאכטער איז געווען אָרעם, און דא גייט זי אריין ווייטער אין אזא ארעמקייט מיט אזא בזיון, האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט, דורך דעם ר' בער'ן, ער האט אויפגעהויבן דעם רבי'נס זאך.**

(ר' נחמן: דער רבי האט אמאל געזאגט משה'ן - "אל תאמין בעצמך"?) **יא יא.**

---

[נא] עיין שם אות מ"ב.

[נב] עיין חיי מוהר"ן אות קפ"ח. גם עיין ליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב, אות ל"ה: בְּוַדַּאי ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא עֶצֶם הָאֱמֶת יָדוֹ עַל הָעֶלְיוֹנָה תָּמִיד **וְסוֹף כָּל סוֹף יִגְמֹר הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ**, כִּי **אַתָּה מָרוֹם לְעוֹלָם ה'**, וּכְמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י, **לְעוֹלָם יָדְךָ עַל הָעֶלְיוֹנָה**. וַאֲפִלּוּ עַתָּה בְּתֹקֶף מְרִירוּת הַגָּלוּת שֶׁהַשֶּׁקֶר מִתְגַּבֵּר כָּל כָּךְ כָּל כָּךְ מִכָּל הַצְּדָדִים וְהָאֱמֶת נִשְׁלָךְ אַרְצָה וְנַעֲשֶׂה הָאֱמֶת עֲדָרִים עֲדָרִים וְכָל אֶחָד אוֹמֵר שֶׁאֶצְלוֹ הָאֱמֶת, אַף עַל פִּי כֵן עֶצֶם נְקֻדַּת הָאֱמֶת מִתְקַיֵּם בְּנִפְלְאוֹתָיו וְנוֹרְאוֹתָיו הָעֲצוּמִים. וּבְכָל יוֹם עוֹמְדִים עַל נְקֻדַּת הָאֱמֶת לְהַעֲלִימָהּ וּלְסַלְקָהּ חַס וְשָׁלוֹם, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילָהּ מִיָּדָם. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, מִקֹּלוֹת מַיִם רַבִּים אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי יָם. שֶׁהֵם הַסִּבּוּבִים וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַהַטְעָאוֹת שֶׁמִּשָּׁם מִתְגַּבְּרִים הַקּוֹלוֹת וְהַחֵרוּפִים שֶׁל הָעַכּוּ"ם וְהָרְשָׁעִים וְשֶׁל כָּל בַּעֲלֵי הַמַּחֲלֹקֶת וְכוּ'. וּמִכֻּלָּם **אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'**. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, **יְמִין ה' רוֹמֵמָה** וְכוּ'. וּכְמוֹ שֶׁכָּתַב אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בלשון אשכנז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **גָּאט פִירְט תָּמִיד אוֹיְס ה'** יִתְבָּרַךְ גּוֹמֵר תָּמִיד.

[נג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז.

(ר' נחמן: יענעם פרייטאג צונאכט - דעמאלט?) **יא יא**[נד]; ער האט געזאגט, ער וועט זיין פון די פינעף. (ענה לו רבינו:) **"'אל תאמין בעצמך' - דו זאלסט נישט גלויבן אין זיך!"**.

ער איז אוועקגעגאנגען מיט אזא מין מיתה (משונה) - זיין מיתה האט אביסל געבראכן (די רדיפות).

רבי נתן איז געווען פארשיקט אויף דריי יאר אין נעמיראוו. אז עס האט זיך געענדיגט די דריי יאר, האט ער שוין באקומען (רשות) פון דעם גובערנאטור אז ער מעג שוין וואוינען אין ברסלב, איז רבי נתן געקומען קיין ברסלב.

האט זיך דער משה אנגערופן: "כל זמן איך וועל לעבן וועט ער נישט זיין אין ברסלב - אט גיי איך נאר אוועק צו דעם גארדעניטשע!" [- אזוי הייסט דארטן דער ראש העיר] - און שוין.

איז ער אוועקגעגאנגען דארטן, ער האט אנגעהויבן רעדן, אינמיטן איז אים געווארן נישט גוט, ער האט אנגעהויבן אויסגיין. האט דער גארדעניטשע מורא געהאט - ער איז דאך א גביר, וועט מען זאגן אז ער האט אים עפעס געטוהן. האט ער גענומען א פירל פון מיסט און מען האט אים ארייגעפירט אין שטאט אריין און ער איז באלד אוועק[נה].

האבן אפילו די מתנגדים אויך עפעס געזאגט אז דאס איז נישט קיין לערע זאך - א מענטש גייט אוועק געזונטערהייט.

דער אויבערשטער האט אלץ רחמנות געהאט אויף אונז. רבי נתן האט גארנישט געטוהן, אבער אויבן נעמט מען זיך אָן; אז מען וויל איגנאנצן פארשטעלן, לאזט מען נישט.

❖

[נד] כשסיפר רבינו החלום שעוד יהיה עת שישארו אצלו רק חמשה אנשים כמובא בחיי מוהר"ן אות צ"א. עיין גם שיש"ק (חדש) ח"ב, אות שכ"ד.

[נה] עיין כ"ז בעלים לתרופה בהערת המעתיק אחר מכתב מיום א' לך לך תקצ"ה.

# זיך נישט דערהאלטן

(אחד הנוכחים: ר' ברוך בארדיטשובער האט אויך געזאגט: "איר מיינט דאך נישט מיר - איר מיינט דעם רבי'ן!) **יא יא.**

**ר' ברוך - יוחנן'ס טאטע, איז געווען א געוואלדיגער דאווענער, מיט כוונה זייער געדאווענט, ער פלעגט דאווענען אין דעם בארדיטשוב'ן רב'ס שול, ער האט געוואוינט אנטקעגן** (דער שול) **אין א קעלער. עס איז א שיינע שול געווען. פלעגט ער דאווענען מיט קולי קולות. איז מען צו אים צוגעגאנגען - זיי ווילן נישט לײדן וואס ער שרייט ביים דאווענען - ער פלעגט אמאל צוגיין צום עמוד אויך.**

**האט ער אזוי געזאגט: "איר מיינט דאך נישט מעך, איר מיינט דאך נאר דעם רבי'ן, דער רבי וועט זיך רעכענען מיט אייך!". זיי האבן געהאט א מיאוס'ע מפלה, א מיתה חטופה - די צוויי אינגעלייט וואס האבן אים געטשעפעט.**

**איז אויך דאס אייגענע, איך ווייס נישט צו ער האט ווען געדארפט זאגן דעםווארט, אבער אזוי האט ער געזאגט - 'איר מיינט דאך נישט מיר, איר מיינט דאך נאר דעם רבי'ן!'.**

(ר' נחמן: ר' זלמן דער רב!) **ביי ר' זלמן דער רב איז אויך געווען!**[נ]

**בשעת עס איז געווען די גרויסע מחלוקת איז איינער געזעצן ביי רבי נתן'ען און ער האט זיך אנגערופן א ווארט אויפן סאווראנער רב, עפעס אזא ווארט לגנאי. האט רבי נתן געזאגט: "דו וועסט זיך נישט דערהאלטן!"; אז דו קענסט זיך נישט איינהאלטן**

---

[נ] עיין שיש"ק (ישן) ח"ב, אות תש"ד: רַבִּי זַלְמָן הָרַב מִמֶּעדְוֶדִיבְקֶע, בְּנוֹ שֶׁל רַבִּי יְשַׁעְיָה שָׁלוֹם בֶּן רַבִּי יוּדְל תַּלְמִיד רַבֵּנוּ, הָיָה דָּבוּק בְּמוֹהַרְנַ"תְּ מְאֹד מְאֹד, וּמֵחֲמַת זֶה נִתְעוֹרְרָה עָלָיו מַחֲלֹקֶת מִבְּנֵי עִירוֹ, וּפַעַם, כְּשֶׁחָזַר מִנְּסִיעָתוֹ לְמוֹהַרְנַ"תְּ הִתְחִילוּ שְׁנֵי אַבְרֵכִים לְדַבֵּר בְּפָנָיו דִּבּוּרֵי בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ' עַל מוֹהַרְנַ"תְּ, וְרָצָה רַבִּי זַלְמָן לָצֵאת מֵהַחֶדֶר, וְהָלְכוּ וְנָעֲלוּ בְּפָנָיו אֶת הַדֶּלֶת בִּכְדֵי שֶׁיִּהְיֶה מֻכְרָח לִשְׁמֹעַ אֶת דִּבּוּרֵיהֶם הָרָעִים. אַחַר כָּךְ לֹא לָקַח זְמַן רַב וְנִפְטַר אֶחָד מִשְּׁנֵי הָאַבְרֵכִים שֶׁהוּא הָיָה הַמְבַזֶּה הַגָּדוֹל, וְאָמַר רַבִּי זַלְמָן עַל זֶה: **"אֲנִי לֹא עָשִׂיתִי זֹאת, לֹא הֶעֱנַשְׁתִּי אוֹתָם, אוּלָם מִן הַשָּׁמַיִם קִינְּאוּ לִכְבוֹדוֹ שֶׁל מוֹהַרְנַ"תְּ"**. גם עיין שם אות תש"ה: פַּעַם, כְּשֶׁסִּפֵּר רַבִּי זַלְמָן לְמוֹהַרְנַ"תְּ מִגֹּדֶל הַיִּסּוּרִים שֶׁסּוֹבֵל מֵהַמִּתְנַגְּדִים בְּעַד הִתְקָרְבוּתוֹ לְדֶרֶךְ רַבֵּנוּ, צִוָּה עָלָיו מוֹהַרְנַ"תְּ שֶׁיִּשְׁתֹּק וְלֹא יַעֲנֶה לַחוֹלְקִים כְּלָל, אַחַר כָּךְ אָמַר פַּעַם רַבִּי זַלְמָן: **"בָּזֶה שֶׁאָמַר לִי מוֹהַרְנַ"תְּ שֶׁאֶשְׁתֹּק וְלֹא אֶעֱנֶה לָהֶם, בָּזֶה נָתַן לִי אֶת הַכֹּחַ, שֶׁאוּכַל לִשְׁתּוֹק"**.

פון רעדן א ווארט - וועסטו זיך נישט דערהאלטן. וכך הוה, יענער האט זיך נישט דערהאלטן - ביי די גרויסע התנגדות איז יענער אראפגעפאלן.

עס איז ממש געווען געוואלדיג, מען האט צוגענומען פרנסות, מען האט אנגעטוהן צרות, עס איז געווען מסירות נפש ממש, אסאך זענען אראפגעפאלן דעמאלט און זיך נאכדעם אומגעקערט צוריק, זיך פארענטפערט פאר רבי נתן'ען.

עס איז געווען ביי רבי נתן'ען אזוי גרויס די זאך אז אפילו בשעת די התנגדות זאל מען היטן דאס מויל, מען זאל נישט רעדן - 'רעדן' אויך נישט!

מען זעהט דאך אין די בריוו ווי רבי נתן שרייבט צום סאווראנער רב מיט אזא מין ביטול, מיט אזא מין הכנעה צו אים[נז].

❖

## מיט איין שווייג - אלץ פארענטפערט

דער שווער מיינער איז געווען פון די מובחרים פון אונזערע לייט, א גרויסער ערליכער איד געווען, א גרויסער עובד, א געוואלד געווען. איז געווען דארטן אין קיבליטש א גביר, געווען א פאסעסאר (- ארענדער), האט ער געזידלט דעם שווער, איך וויים נישט פארוואס ער האט אים געזידלט.

איך בין געווען א יונגערמאן נאך דער חתונה, איך האב דאך געוואוסט ווער דער שווער איז, האב איך געוואלט זיך אננעמען. זאגט ער מיר: "טשעפע נישט, אט דאס איז דאך אונזער זאך, אזוי דארף זיין - ער דארף זידלען און איך דארף שווייגן!" - וואס איז דאס אָננעמען זיך?!

אין דער מעשה פון "מועט מחזיק את המרובה" רעדט דער רבי[נח]: "איין שווייג איז א תירוץ אויף אלע קשיות!".

---

[נז] עיין עלים לתרופה במכתב אור ליום ה' וישלח תקצ"ה.

[נח] מעשה י"ג מספה"ק סיפורי מעשיות - מיום החמישי, אצל הבעטליר עם גב העקום.

**'פרעגט, פרעגט און פרעגט - דו האסט שוין געענדיגט?!'...**

**וואס ווייטער דארטן אין דער מעשה - איז אלץ א העכערע** (מדריגה)**, 'דער' - מיט זיין דיבור איז ער א 'מועט מחזיק את המרובה'; 'דער' - מיט זיין שווייגן איז ער א 'מועט מחזיק את המרובה', ער גיט איין שווייג אויף די קשיות - איז דאס א תירוץ אויף אלע קשיות! אבער כדי דעם שווייג צו געבן - דארף מען אסאך רעדן צום אויבערשטן ביז מען זאל קענען טוהן דעם שווייג, אז נישט שווייגט זיך נישט...**

(ר' נחמן: אמאל שווייגט מען אז יענער זאל פלאצן...[נט]) **ח"ש מ"ל** (עיין שם).

**עס איז פארהאן אמאל א שווייגן וואס גייט אריין אין א שאלה להלכה אויך, אז ער הערט 'בזילותא דרבנן' - דארטן ביי רבי אלעזר'ן ברבי שמעון איז אים ארויסגעגאנגען פונעם אויער ווייל ער האט נישט מוחה געווען[ס].**

**איז אויך פארהאן א תירוץ דערויף, ווייל דאס איז נאר אז איך ווייס אז מיט מיין מוחה זיין וועל איך מאכן בעסער, אבער אז איך זאל מוחה זיין און יענער וועט זידלען נאך מערער, איז מיין 'מקיים זיין דעם מאמר חז"ל' - אז איך שווייג, ווייל אז איך וועל רעדן אייןווארט וועט דאך ווערן דער 'זילותא דרבנן' נאך ערגער.**

❖

## געשאסן דעם רבי'נס דיבורים!

**דער רבי האט געזאגט: "איך האב געוואלט איר זאלט רעדן פון מיר, שמועסן פון מיר, נישט דערמאנען מיין נאמען; מיר אַרט ניט אז יענער זאל בענטשן אַן ערנסט בענטשן און עס זאל זיין פון מיין כח - און ער זאל נישט וויסן אז עס איז פון מיין כח!"[סא].**

---

[נט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' פ"ב: **לִפְעָמִים הוּא שׁוֹתֵק לַחֲבֵרוֹ, כְּדֵי לַעֲשׂוֹת לוֹ יִסּוּרִים בְּיוֹתֵר, נִמְצָא שֶׁבְּזֹאת הַשְּׁתִיקָה הוּא מְחָרֵף אֶת חֲבֵרוֹ בְּיוֹתֵר**, וכו' עיין עוד שם.

[ס] עיין גמ' בב"מ פד:

[סא] עיין ספר המדות - ערך תשובה אות פ"ו: **מִצְוָה לְהַחֲזִיר אֶת בְּנֵי-אָדָם עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע, וְאִם אַתָּה יָרֵא, שֶׁלֹּא יִשְׁמַע לְךָ, תּאמַר דְּבָרֶיךָ בְּשֵׁם צַדִּיק אַחֵר, כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמְעוּ אוֹתְךָ.**

כאטש עס איז דאך דא א מאמר חז"ל[סב]: "האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם", (כמו שכתוב:) "ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי"; אז אסתר האט געזאגט בשם מרדכי'ן איז געקומען די גאולה. ווייל פארוואס איז געווארן די גאנצע גאולה? וויבאלד מען האט געשריבן אז מרדכי האט געראטעוועט דעם קייסער. ווען זי זאגט דאס ווען נישט בשם מרדכי וואלט נישט געווארן אינגאנצן די זאך, איז דאך א ראיה אז מען דארף יא זאגן.

דער רבי האט אבער געזאגט - 'דערמאנט נישט מיין נאמען'. פארוואס טאקע אזוי? ווייל אז איך וועל נישט זאגן (דעם נאמען) - איז גוט, וויל יענער הערן; אבער אז איך דערמאן דעם רבי'נס נאמען - טויג שוין נישט (ביי יענעם). דער רבי האט דאך נישט געוואלט 'כבוד עצמו' - נאר 'כבוד השם'. 'רעדט פון מיר, שמועסט פון מיר - און דערמאנט נישט מיין נאמען', וועט ער נישט וויסן אז עס איז פון דעם רבי'נס כח.

איינער איז געווען, ער האט געהייסן - ר' אייזיק[סג], ער איז געווען דער בעל שחרית ביי דעם סקווערער, ער איז געווען פון ריזשיניווקע, ער איז נישט לאנג נפטר געווארן. זיין טאטע האט געהייסן ר' נחום[סד] - פון די אלטע סקווערער חסידים, א גרויסער ערליכער איד געווען - נאר א מתנגד אויף אונז.

איך האב דעמאלט געוואוינט אין טעפליק, בין איך געפארן אמאל קיין אומאן, און דער ר' נחום (אביו) קומט ארויף אויף דער באן. איך פלעג האלטן א משניות אומעטום. קומט ער צו צו מיר גלייך - "אה - א משניות? וואו וואוינסטו?" - "אין טעפליק" - "וואו דאוונסטו?" - "אין בית מדרש" - "וואו ביסטו א חסיד?" - "עה..." - אזוי האב איך אנגעהויבן צו רעדן מיט אים פון דעם רבי'ן - געשאסן דעם רבי'נס דיבורים א שעה צייט, ער האט אזוי געקוועלט פון די דיבורים - "וואו האט איר דאס געזעהן?" - "אין ספרי בעל שם טוב"...

---

[סב] משניות אבות פ"ו, מ"ו.

[סג] ה"ה הרה"ח ר' חיים אייזיק, שימש כבעל תפילה אצל האדמו"ר מוהרי"י מסקווירא באמעריקע.

[סד] ה"ה הרה"ח ר' מנחם נחום קראסניאנסקי מריזשיניווקא.

ווען מיר האבן זיך צעטיילט, האט ער געזאגט: "קשה עלי פרידתכם" - אזוי האט דער ר' נחום געזאגט צו מיר.

ווען ער ווייסט ווען אז איך רעד פון רבי'ן וואלט ער דאך אנטלאפן ווי פון פייער...

אזוי האט דער רבי געוואלט: 'רעדט פון מיר, שמועסט פון מיר - און דערמאנט נישט מיין נאמען!'.

דער ר' אייזיק (בנו) איז געווען דער בעל שחרית אין סקווער ביים פאטער, ביים פריער'דיגן - א שיינער בעל תפילה געווען.

ער איז אויך געווען א מתנגד, אבער ער האט געהאלטן פון מיר. איך האב געוואוינט דארטן אין רוסלאנד, זענען מיר געווען צוזאמען אין אַן ארט (- אין טאשקענט), האט ער זייער געהאלטן פון מיר.

ער איז געווען פון דעם בעל שם'ס אייניקלעך, פלעגט ער מאכן א סעודה 'אחרון של פסח' דארטן - 'דעם בעל שם'ס סעודה', האט ער מיר גערופן איך זאל דערציילן דארטן דער מעשה פון דעם בעל שם. זאגט ער, "ווערדליג איר האט עס געהערט אין אומאן - אזוי זאלט איר עס דערציילן!"[סה].

ער איז געווען דא אין בני ברק - ער האט א זון דא אין בני ברק, איז ער אויך געקומען.

זיין טאטע ר' נחום פון ריזשיניווקע איז געווען טאקע א גרויסער ערליכער איד, איך האב אים גוט געקענט - נאר א מתנגד.

פונדעסטוועגן, דעם פריער'דיגן'ס טאטע - ר' דוד'ל - ר' איציקל סקווערער'ס א זון, פלעגט קומען קיין טעפליק אלעמאל. טעפליק איז געווען זיין מגידות. ער איז געווען געוואלדיג כרוך מיט אונזערע מענטשן, ער האט גארנישט געוויזן קיין התנגדות, פארקערט, ער איז געווען זייער כרוך.

---

[סה] עיין טעם זקנים קונטרס קי"ט: ער האט געמאכט א שיינע סעודה, האט ער נאר געוואלט אז איך זאל דערציילן דעם סיפור. זאג איך אים: "**איך? ווער דערציילט ביי אייך אלע יאר?**". (ענה לי:) "**ניין, מיר ווילן הערן פון אייך, ווייל מיר רעכענען אז ביי אייך וועט מען דערציילן די זאך ריכטיגער!**"... - ער האט נאר געוואלט אז איך זאל דערציילן...

מען דארף נישט קיין הסכמות, מען רעדט נאר דערפון אז אפילו די עלטערן זייערע זענען גארנישט געווען אזוי ווייט...

(אחד הנוכחים: דער גבאי ר' ישעי' וואס ער איז דא געווען?) ר' ישעי'[סו] איז דאך געווען כרוך צו מיר אין דייטשלאנד צוויי יאר - אלע ברידער - רבי שלמה[סז], ר' זלמן אויך, זיי האבן אלע געקלעפט צו מיר - נאר געוואלט הערן דעם רבי'נס דיבורים, זיי זענען געווען אין דייטשלאנד צוויי יאר צוזאמען מיט מיר (במחנות העקורים, אחרי המלחמה).

אויף דעם ליקוטי מוהר"ן האט ר' זלמן אמאל געזאגט צו מיר: "הן הן - שכינה מדברת מתוך גרונו, שכינה מדברת מתוך גרונו!" - אויפן רבי'נס דיבורים, אזוי כרוך איז ער געווען - א געוואלד, א געוואלד!

❖

## ווארטן א גאנצן לעבן!

מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן וואס ער האט רחמנות געהאט אויף אונז און ער האט אונז צוגעשיקט א זאך אז מען זאל האבן געדאנקען פון דעם תכלית, ווי אזוי מען האלט - אבער מען ווייסט אז מען דארף רעדן פון דעם תכלית, ווען מען קומט זיך צונויף דארף מען רעדן פון דעם תכלית - דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן נאר פאר דער מתנה.

אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען האט נאר עפעס אַן עת רצון, דארף מען רעדן צום אויבערשטן דיבורים פון דעם תכלית - אט די זאך אליין איז א געוואלדיגע מתנה, די וועלט לאכט דאס אויס, מען מאכט דאס צעניש.

אין די תורה "קרא את יהושע" ברענגט דער רבי דעם משל[סח] - א גמרא[סט], איינער וויל קויפן אפרסמון - זאגט מען אים "המתן" - ווארט צו, אבער דער וואס וויל קויפן נאפט - 'נעם דיר, גיי!'

---

[סו] הר"ר ישעיה יואל אונגאר ז"ל משב"ק אצל אדמו"ר מוהרי"י מסקווירא.

[סז] הגה"ח ר' יצחק שלמה אונגאר זצ"ל מבני ברק ראש ישיבת חוג חתם סופר.

[סח] ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ב'.

[סט] גמ' יומא לח: - לט.

פארוואס הייסט מען אים ווארטן - ער וויל דאך קויפן אפרסמון? אפרסמון איז דאך א גוטע זאך, א שמעקעדיגע שמן, דאס איז דאך א גרויסע זאך, פארוואס זאגט מען אים 'ווארט צו'? וואס זאל ער דערווייל טוהן? זיצן ליידיג און ווארטן? [אז ער וועט זיצן ליידיג און ווארטן וועט ער טאקע קיינמאל נישט באקומען קיין אפרסמון...] נאר דער ווארטן איז דער פשט, גרייט זיך צו צו דעם אפרסמון.

אז דו ווילסט אפרסמון, זאלסטו וויסן, אזא גרויסע זאך קען מען דיר נישט געבן 'שוין', דו מוזט האבן א הכנה צו דעם אפרסמון, אט דאס איז דער 'המתן', ווארט צו - גרייט זיך צו! אבער אויב ער וועט זיצן ליידיג וועט ער קיינמאל נישט באקומען דעם אפרסמון. דער 'המתן' איז אזא מין הכנה - 'ווארט צו' - וועסטו עס באקומען.

איינעם קען מען אמאל הייסן ווארטן - מען הייסט אים אלע יארן ווארטן, און ער ווייסט גארנישט צו ער האט עס באקומען. ערשט 'דארטן' ווייזט מען אים - 'אט - דו האסט עס באקומען!'.

עס שטייט אין "שיחות הר"ן"[ע]: עס איז דא איינער וואס כל ימיו ווייזט מען אים נישט צו ער האט עפעס אויפגעטוהן אויף דער וועלט - אט דאס איז זיין בחירה, אז כל ימיו ווייזט מען אים נישט צו ער האט עפעס געטוהן; איינער וואס דאס איז זיין זאך, ווייזט מען אים נישט![עא]

---

[ע] אות רמ"ד: שָׁמַעְתִּי מֵאֶחָד מֵחֲשׁוּבֵי אֲנָשִׁים אִישׁ כָּשֵׁר וִירֵא שָׁמַיִם וְעוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת, שֶׁאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, **שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם עוֹבְדֵי ה' שֶׁאֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְאֶה לָהֶם מַה שֶּׁפָּעֲלוּ כָּל יְמֵי חַיֵּיהֶם. רַק אַחַר מוֹתָם בָּעוֹלָם הַבָּא, אָז יִרְאוּ מַה שֶּׁפָּעֲלוּ.** וְהֵבַנְתִּי שֶׁרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אָמַר לוֹ דָּבָר זֶה לְעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְבַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מַה שֶּׁכְּבָר עָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַעֲדַיִן אֵינוֹ רוֹאֶה בְּעַצְמוֹ שׁוּם פְּעֻלָּה. כִּי יֵשׁ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִרְאוֹת כָּל יְמֵי חַיָּיו מַה שֶּׁפָּעַל כִּי־אִם לְאַחַר כָּךְ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל.

[עא] עיין עלים לתרופה במכתב מאור ליום ה' שלח תקצ"ו, וזל"ש בא"ד: **וְיֵשׁ לִי עַתָּה שִׂיחָה נָאָה בְּעִנְיָן זֶה שֶׁעִקַּר נִסָּיוֹן הָאָדָם וּבְחִירָתוֹ הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַה נַּעֲשָׂה עִמּוֹ כִּי אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה עִמּוֹ בְּכָל עֵת וְהֵיכָן הוּא עוֹמֵד וְאוֹחֵז בְּכָל עֵת וְאֵיךְ גַּם עַתָּה יָקָר בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְאֹד מְאֹד כָּל תְּנוּעָה טוֹבָה וְכוּ' שֶׁנִּמְצָא בּוֹ בְּוַדַּאי הָיוּ הַכֹּל רוֹדְפִים בְּכָל כֹּחָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהָיוּ הַכֹּל צַדִּיקִים. אַךְ עִקַּר הַנִּסָּיוֹן וְהַבְּחִירָה הוּא עַל יְדֵי הֶעְלֵם הַיְדִיעָה. וְעַל כֵּן בֶּאֱמֶת אִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן שֶׁיֵּדַע הָאָדָם בְּחַיָּיו הֵיכָן הוּא אוֹחֵז כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה כִּי בָּזֶה תָּלוּי הַבְּחִירָה.** גם עיין ליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב, אות י"ז: **וּכְבָר דִּבַּרְנוּ בָּזֶה הַרְבֵּה אַךְ עֲדַיִן צְרִיכִים לְמוֹדָעֵי, לֵידַע וּלְהוֹדִיעַ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָאָדָם בְּשׁוּם**

דער מענטש דארף אבער וויסן - 'דאס איז אבער פּ-אָ-ר-ט דער אמת!' 'דאס איז אבער פארט דער אמת!'.

❖

## "אבער דו מעגסט דאך עס לערנען!"

דער ר' ישעי' מיט ר' זלמן מיט דעם רב פון בני ברק, זיי האבן מיר נישט אפגעלאזט - נאך לערנען דעם רבי'נס דיבורים, נאך הערן דעם רבי'נס דיבורים, זיי זענען געלאפן נאך מיר.

'היוצא לנו מזה', דעם רבי'נס זאך איז 'אמת ויציב ונכון וקיים'; נאר וואס דען, עס איז נעלם.

דעם רבי'נס זאך בליהט, דעם רבי'נס זאך איז אַן אמת, דעם רבי'נס זאך וועט איבערבלייבן, דאס זעהט מען דאך ארוים בפועל - ברוך השם - 'קיין עין הרע' - אַן עולם! אלעמאל ווערן נייע מקורבים!

ר' נחום יצחק פראנק - דו קענסט אים? ער דאוונט דא אלעמאל פארן עמוד ביז שמונה עשרה, זיין טאטע האט געהייסן ר' זאב פראנק, זיין פעטער איז געווען ר' צבי פסח (רב בירושלים) - דאס איז געווען זיין טאטן'ס א ברודער, זיי שטאמען דאך אלע פון די ליטוואקעס.

האט אים זיין טאטע געזאגט: "פארוואס לערנסטו דעם ליקוטי מוהר"ן - לערן בעסער גמרא! גיי פרעגן דעם טשעבינער רב - ער איז דאך א איד א גאון - צו דו זאלסט לערנען דעם ליקוטי מוהר"ן!".

---

אֹפֶן בְּזֶה הָעוֹלָם שֶׁיֵּדַע הֵיכָן הוּא אוֹחֵז, כְּמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְזֶה מֵעִקְּרֵי הַנִּסְיוֹנוֹת שֶׁלּוֹ מַה שֶּׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ הֵיכָן הוּא עוֹמֵד וְאוֹחֵז. כִּי אִם הָיָה רוֹאֶה וְיוֹדֵעַ מַה שֶּׁזּוֹכֶה גַּם עַתָּה עַל יְדֵי כָּל תְּנוּעָה וְהַעְתָּקָה שֶׁמְּנַתֵּק עַצְמוֹ מֵרַע לְטוֹב אֲפִלּוּ תְּנוּעָה בְּעָלְמָא, בְּוַדַּאי הָיָה רָץ בְּכָל כֹּחוֹ לַעֲבוֹדַת ה' וּלְתוֹרָתוֹ וְהָיָה צַדִּיק גָּמוּר, אֲבָל הָיָה מִתְבַּטֵּל בְּחִירָתוֹ, כִּי עִקַּר הַבְּחִירָה מַה שֶּׁאֵינוֹ רוֹאֶה וְיוֹדֵעַ מַה שֶּׁעוֹשֶׂה וּמְתַקֵּן לְפִי מְקוֹמוֹ וּשְׁעָתוֹ.

איז ער אריינגעקומען - ליגט דער ליקוטי מוהר"ן דארט אויפן טיש... זאגט ער: "זעהסטו, איך לערן אויך דעם ליקוטי מוהר"ן!".

איז ער אוועקגעגאנגען, זאגט אים דער טאטע: "ניין, דער טשעבינער רב איז א חסיד, דערפאר האט ער אזוי געענטפערט. גיי צום "חזון איש" און פרעג אים!" [- ר' נחום יצחק האט מיר דאס אליין דערציילט].

איז ער אריינגעקומען צום חזון איש, זאגט ער אים, דער טאטע האט געשיקט איך פרעגן - "איך לערן ליקוטי מוהר"ן - זאל איך לערנען צו נישט?", (ענה:) "יא, לערן, לערן, עס איז א גוטער ספר, עס איז א גוטער ספר!". זאגט ער אים: "דער טאטע וועט דאך מיר נישט וועלן גלויבן?", (ענה:) "וועט ער נישט גלויבן, אבער דו מעגסט דאך לערנען!".

(השואל: איר זענט אמאל געווען ביים חזון איש?) יא, איך בין איינמאל געווען ביי אים.

[מכאן לא ברור, והשלמנוה משיחה אחרת[עב]] (ר' אברהם ווייצהענדלער ז"ל: ביים חזון איש זענט איר געווען אמאל?) יא, איינמאל. עס איז געווען, די יתומה (שרה עטיל פוקסברומער) - איך האב איר מגדל געווען ביי מיר אין שטוב. (ר' אברהם: אלע יארן?) פון אלס קינד פון צוויי יאר ביז דער חתונה.

(ר' אברהם: ווער איז געווען איר טאטע?) מיין שווער'ס א זון (- ר' נחמן שווארץ ב"ר אהרן קיבליטשער). זיי זענען נעבעך אוועק פון הונגער - דער טאטע און מאמע אין איין טאג! - אין בערשאד[עג].

---

[עב] התודה והברכה לידידינו ר' שלמה יהודה ווייצהענדלער בן יבלחט"א הרה"ח ר' אברהם ז"ל - מלקט ומחבר ספר שיש"ק, שהמציא לנו את הטייפ והשיחה דלהלן לזיכוי הרבים.

[עג] עיין שיש"ק: אחר שמתו שניהם תיכף לקחו השלטונות הקומוניסטים את שני ילדיהם שמואל (שהיה אז בגיל שמונה) והילדה שרה עטיל (שהיתה אז בת שנתיים) למוסדותיהם, והסתכן ר' לוי יצחק בנפשו, ונסע לעיר בערשאד להשתדל להוציאם מצפרינהם. ואנ"ש ועוד רבים הזהירוהו שלא יסתכן בזה, בפרט אנ"ש שבעיר בערשאד (היה שם מנין מכובד מהם). כי תיכף כשירגישו השלטונות שמטרתו כדי להצילם משמד ולגדלם בדרך התורה יגרשוהו לסיביר. והוא בא למשרדיהם וטען עמהם שיש להם שני דודות באומן (היא זוגתו של רלוי"צ וכן זוגתו של ר' הירש לייב ליפל), ורוצים הם לגדלם. ותיכף כשחזר ממשרדיהם

**דער מחותן** (ר' יעקב מענדל, חותנה) **פוקסברומער פלעגט צונויף נעמען געלט - ער איז געווען א גבאי צדקה - און דאס געלט פלעגט ער אוועגעבן דעם חזון איש זאל דאס פארטיילן.**

**איז פאר איר חתונה** (עם החתן ר' ישראל דוד פוקסברומער) **בין איך אריינגעגאנגען מיט דעם מחותן צום חזון איש - איך האב ממילא געוואלט זעהן דעם חזון איש, האבן זיי אים געזאגט - 'אט דאס איז דער מחותן וואס ער איז מגדל דער יתומה און מאכט זי חתונה!'.**

**ער האט דעמאלט געשריבן תורה. אז מען איז אריינגעקומען, זאגט ער מיר, "נו, האט איר דאך א מצוה געטוהן - עס איז דאך א מצוה!"**[עד].

---

הזהירוהו אנ"ש שלא יישן בביתו, כי בוודאי תיכף יבואו לעצרו על עצם הבקשה, והיה זה נס גמור שנתנו לו אחר כמה ימים כל האישורים לכך, והחזירו את הילדים אחר חצי שנה שכבר היו אצלם, וכך ניצלו משמד. ור' לוי יצחק גידל את שרה עטיל עד עת נישואיה עם ר' ישראל דוד פוקסברומער.

[עד] עיין גם בשיש"ק שאחר כך ביקש החזו"א מרלוי"צ שיברכו בברכת רפואה - "**וואונטשט אונז א רפואה**" וברכו ברפואה שלימה, והודה לו החזו"א על כך מאד.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**מו"ה שמואל עסטרייכער הי"ו**
מאנסי
**לרגל הולדת הבת למזל טוב**

**מו"ה יחיאל מיכל ליכטענשטיין הי"ו**
לעקוואד
**לרגל הולדת הבת למזל טוב**

**מו"ה יוסף בריינעס הי"ו**
ירושלים
**לרגל הולדת הבת למזל טוב**

**לע"נ האה"ח ציפורה בת ר' אברהם הלוי ע"ה**
י"ב אדר, תנצב"ה

**בקשו רחמים מרובים עבור האברך**
**אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש**

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים